STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05143

DER VEG IN OPGRUNT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאנד" № 6

ביילאגע צום זשורנאל נומ. 6, 1980

דער וועג אין אָפּגרונט

(די פרעסע וועגן דער אליע)

פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" • מאָסקווע • 1980

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע

פון ארן ווערגעליס

אינהאלט

דער מאָראלישער און גײַסטיקער צושטאנד פון דער ייִסראָעל־געזעלשאפט 4

איך באשולדיק דעם ציִעניזם 5

דער פּאָליט 7

עמיגראנטן מער איידער אימיגראנטן 8

ייִדן פון מאָלדאוויע... 10

דער שעקער און זײַנע דינער 11

באנקראָטן 15

„דער בעסדן־שאמעס פון די ציִעניסטן" 16

סוועטלאנע קומט נעמען א פּאספּאָרט... 21

מיטן אויסגעפלאסטערטן וועג צום גאניידן 24

„איך דארף ניט און וויל ניט אײַערע טויוועס"... 26

איצט וועל איך זאָגן דעם ריינעם עמעס 28

די קאָרבאָנעס פונעם ציִעניסטישן שווינדל 30

א בילדל: צווישן „סאָכנוט" און „האיאס" 33

ליידן און האָפענונגען 36

דער וועג אף צוריק איז פארמאכט 39

„אָטקאזניקעס" 41

וויִאזוי די ציִעניסטן „פארייניקן" מישפּאָכעס 44

באָריס מאסיס האָט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון די אָוועס 48

פארוואָס לויפט מען פון ייִסראָעל 51

דער אינהאלט און די געשיכטע פון א ניט־פארעפנטלעכער קאָרעספּאָנדענץ . 53

א בריוו צום גענעראל־סעקרעטאר פון דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע
נאציעס ה׳ קורט וואלדהײַם 57

די ציִעניסטן טײַנען, אַז זיי האָבן גענומען אויף זיך די מיסיִע צו באַפֿרײַען די ייִדן פֿונעם גלות, ברענגען זיי „אויף דער ערד פֿון זייערע אָוועס“, אינעם לאַנד, „ווו עס רינט מילך און האָניק“. זיי פֿאַרשווײַגן אָבער, אַז פֿאַקטיש ווערן מענטשן אַרויסגעריסן פֿון די היימען, ווו זיי זײַנען געבוירן געוואָרן און צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און אורעלטערן געווען טיף פֿאַרוואָרצלט, פֿון די היימען, וואָס האָבן בעממעס זיך געפֿונען אינעם לאַנד פֿון זייערע אָוועס. די ציִעניסטן ברענגען אָט די ייִדן אין אַ פֿרעמד לאַנד, ווו עס האָט זיך זינט פֿיל יאָרהונדערטער פֿאַרוואָרצלט אַן אַנדער פֿאָלק, וואָס טראַכט ניט צו פֿאַרלאָזן די ערד פֿון זייערע אָוועס. איז דאָס ניט קיין אומווירדיקער שווינדל, וועלכן מע קאָן פֿאַררעכענען צו די שווערסטע פֿאַרברעכנס קעגן דעם אייגענעם פֿאָלק? די מערהײַט ייִדן, וועמען די ציִעניסטן האָבן פֿאַרשלעפּט קיין ייִסראָעל, פֿילן זיך דאָרט ווי אייביקע אימיגראַנטן, און דאָס איז דאָך דער עמעסער גלות: אָן אַ היים, אָן אַ שפּראַך, פֿון אומעטום לאָקערט עלנטקייט, איינזאַמקייט.

די ציִעניסטן שרײַען אויף אַלע ראָגן, אַז זיי באַפֿרײַען די ייִדן פֿון די „גלות־לענדער“, נאָר פֿאַקטיש ברענגען זיי די ייִדן אין דעם גלות פֿון ייִסראָעל. אַז דאָס איז אַזוי, און ניט אַנדערש, וועט דער לייענער זיך איבערצײַגן פֿון די ווײַטער געבראַכטע מאַטעריאַלן, וועלכע זײַנען גענומען פֿון דער פּרעסע, פֿון דערציילונגען פֿון לעבעדיקע מענטשן.

דער מאָראַלישער און גײַסטיקער צושטאַנד פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט

„דער „נעס״, וואָס קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין א צײַט־באָמבע״, — אזוי הייסט דאָס אונטערקעפּל פונעם ארטיקל פון פאַליק לערנער אין דער צײַטונג „לעצטע נײַס״, אין וועלכן עס ווערן באַהאַנדלט די קאָמענטאַרן פון דער ייִסראָעל־פּרעסע ארום די פּראָבלעמען, וועלכע עס האָט ארויסגערופן אין דער מעדינע דאָס אָנקומען פון ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

קיינער האָט ניט געטרוימט אפילע, — שרײַבט פּ. לערנער, — אז א מאַסן־אײַנוואַנדערונג פון סאָוועטישע ייִדן וועט ניט ארויסרופן קיין קאָמפּליקאַציעס און שוועריקײַטן. מע האָט זיך אָבער ניט פאָרגעשטעלט, אז פיל פון די דאָזיקע קאָמפּליקאַציעס און שוועריקײַטן וועלן זײַן א פּראָדוקט פון דער טעמפּקײַט און ביוראָקראַטיע פון די אליִע־אסקאָנים, וועלכע פאַרשטייען לאַכלוטן ניט די ספּעציפישע פּראָבלעמען פון די רוסישע אוילים.

עס קאָן זײַן, — שרײַבט דער אווטאָר ווײַטער, — אז די שוועריקײַטן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס (די אַבסאָרבציע פון די אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד) געהערן צו די סיבעס, וועלכע קומען ניט בלויז פון איין צאַד — פון די באַאַמטע, ווען עס זײַנען אָנגעטרויט די איניאָנים פון דער אליִע, — נאָר אויך פונעם צווייטן צאַד, פון די אימיגראַנטן, די נײַע אוילים, באַזונדערס פון גרוזיע, ווילן זיך באַזעצן גרופּעסווײַז, קאָלאָניעסווײַז, ווײַל זיי קענען ניט די שפּראַך איוורית און זיי איז שווער צו פאַרקערן זיך מיט דער היגער באַפעלקערונג. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מער כיישעק צו באַזעצן די נײַ־געקומענע אין די ראַיאָנען פון די אָקופּירטע אַראַבישע שטעט נאַבלוס, דזשענין, ראַמאַלאַך.

ניטאָ הײַנט אף דער וועלט נאָך אזא לאַנד, ווו די שטײַערן זאָלן זײַן אזעלכע הויכע, ווי אין ייִסראָעל. די גרויסע קריגס־הויצאָעס נעמען אָפּ בא די מענטשן די לעצטע לעבנס־מיטלען.

די נײַע אוילים, וועלכע האָבן קינדער, זײַנען שטאַרק באַאומרויִקט, וואָס אין לאַנד איז ברייט פאַרשפּרייט די נאַרקאָמאַניע צווישן דער יוגנט. אפן פּאָליציי־דיסקאָנט געפינען זיך 12 טויזנט נאַרקאָמאַנען, צווישן זיי א סאַך סטודענטן און אפילע שול־קינדער. און ווו נאַרקאָמאַנען, דאָרט איז פאַרברעכן. די סטאַטיסטיק זאָגט, אז אין טעל־אוויוו איז איינער פון יעדע 40

אײַנוווינער אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַרברעכער. די ייִסראָעל־צײַטונג „מאַא־ריוו" שרײַבט, אַז אין די אָוונטן האָבן מענטשן מוירע ארויסגײן אין גאס.

דער גרויסער דיכטער כאיִם־נאכמען ביאַליק האָט אַמאָל איראָניש באַמערקט, אַז ייִסראָעל וועט ניט ווערן קיין היינטצײַטיקע מעלוכע, קאָל־זמאַן דאָ וועט זיך ניט אַנטוויקלען די פאַרברעכערישקײַט. לויט ביאַליקס קריטעריען, שרײַבט סאַרקאַסטיש דער קאָרעספּאָנדענט פון דער אַמעריקאַ־נער אַגענטור „יונײַטעד־פּרעס" ריטשאַרד גראָס, האָט ייִסראָעל שוין דער־גרייכט פּוליאָריקײַט, געוואָרן אַ בויגרעס.

די באַאַמטע פונעם אַבסאָרבציע־מיניסטעריום טײַנען:

„מיר באַמיִען זיך צו העלפן מענטשן אײַנאָרדענען זיך, געפינען אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג, אָבער מיר קאָנען דאָך ניט ענדערן דעם מאָראַ־לישן און גײַסטיקן צושטאַנד פון דער געזעלשאַפט".

די ניט אײַנגעאָרדנטקײַט, די שטענדיקע שוועריקײַטן, די אומקלאָר־קײַט פון דער צוקונפט, די ביוראָקראַטישע אָרדענונג אין לאַנד, דער הייַ־סער קלימאַט, דער עצעם לעבנסשטייגער פון ייִסראָעל — דאָס אַלץ וואַרפט אָן אַ ייִעש אויף אַ סאַך עמיגראַנטן, און זיי זוכן וועגן, וויאַזוי צו אַנטלויפן פון ייִסראָעל.

איך באַשולדיק דעם ציִעניזם

„...ווען די פאַרטשאַדעטע פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע וואָלטן נאָר געוווּסט, ווי ביטער זיי וועלן כאַראָטע האָבן, וויאַזוי זיי וועלן פאַר־שילטן דעם טאָג, ווען זיי זײַנען אַהער געקומען, וואָלטן זיי שוין געלאָפן פאַר אַ מײַל, אַבי ניט הערן די רייד וועגן איבערפאָרן קיין ייִסראָעל, — שרײַבט ב. בראַוושטיין פון דער שטאָט פּענזע.

שפּילנדיק אויף אונדזערע נאַציאָנאַלע געפילן, פאַרנאַרן אונדז די ציִע־ניסטן מיט באַבעמײַסעס וועגן „גרויס־ייִסראָעל". איך האָב געשמועסט מיט אייניקע זשורנאַליסטן. איר זעט דען ניט, — האָב איך געפרעגט, — אין וואָס פאַר אַ שווערער לאַגע עס זײַנען אַרײַנגעפאַלן די מענטשן, וועלכע האָבן, גלייבנדיק אײַערע טינטלערײַען, פאַרלאָזט זייער היימלאַנד און געקומען אַהער, קיין ייִסראָעל? לאָזט זיך אויס, אַז זיי זעען דאָס יאָ, נאָר וואָס זשע

דען? — שרײַבן דעם עמעס, זאָגן זיי, לוינט ניט, ווײַל דאָס וועט אראָפּרײַסן די אליָע.

פאר דעם יאָר, וואָס איך געפין זיך אין ייִסראָעל, האָב איך גוט גע־זען, ווער עס פאָרט אהער. קימאט אלע עמיגראנטן האָבן טיף כאראָטע, וואָס זיי זײַנען אהער געקומען, זיי שרײַבן זייערע קרויווים און באקאנטע אין סאָוועטנפארבאנד, וואָרענענדיק זיי פון אזא ניט־באטראכטן טראָט. נאָר זייערע בריוו רופן, אלס קלאל, ארויס אומצוטרוי. איך האָב בעשײַטע אויך באקומען אזעלכע בריוו און אויך ניט געגלייבט.

אין ייִסראָעל הערשן וואָלפישע געזעצן. קוידעמקאָל ווארפט זיך אין די אויגן דער אנטאגאָניזם צווישן די קאפּיטאליסטן און די ארבעטער, צווישן די פרומאקעס און די אטעיִסטן, צווישן די סאבּרעס און די אוילים, צווישן יענע, וועלכע זײַנען געקומען פון די אראבּישע לענדער, און יענע, וואָס שטאמען פון אייראָפּע און אמעריקע.

אף די שווערסטע ארבעטן בייגן דאָ דעם רוקן די ייִדן פון די אראַ־בישע לענדער, וועלכע באקומען פאר זייער ביטערער האָרעוואניע גראָשנס. די מערהײַט פון אָט די ייִדן זײַנען דערשלאָגענע מענטשן, קאפּצאָנים, אָן א העמד אפן לײַב. זייערע קינדער האָבן ניט קיין מעגלעכקײַט צו לערנען זיך אין די עלטערע קלאסן, ווער רעדט אין די הויכשולן, ווײַל לערנען קאָסט געלט און קיין געלט איז ניטאָ. אָבער מיט דער פּראצע פון אָט די מענטשן בויט מען דאָך דאָ די שטעט און דערפער, די דאָזיקע מענטשן טראָגן דאָך אף זיך די לאסט פון סאָלדאטישער דינסט.

פארשטייט זיך, אז אָט די אָרעמעלײַט זײַנען באומרויִקט פונעם אָנקום פון נײַע אוילים, מוירע האָבנדיק, אז עס בלײַבן אלץ ווייניקער שאנסן צו קריגן ארבעט. די סאבּרעס, ווידער, קלײַבן אויך ווייניק נאכעס, וואָס אין לאנד וואקסט די צאָל „איבעריקע מײַלער".

די אינטערעסן פון די ציִעניסטישע רעדלפירער פאלן אינגאנצן צו־נויף מיט די אינטערעסן פון די קאפּיטאליסטישע מאָנאָפּאָליעס. זיי דארפן ביליקע ארבעטס־קראפט, הארמאטן־פלייש, זיי דארפן א וואָס גרעסערע צאָל אוילים פון סאָוועטנפארבאנד, קעדיי קאָמפּראָמעטירן דאָס לאנד פון די סאָוועטן, צו ווײַזן עס ציִען זיך אלץ שטארקער און שטארקער די פעלקער פון גאָר דער וועלט".

(„פּענזענסקאיא פּראוודא")

דער פּאָליט

די אוילים לויפן פון ייִסראָעל. די פּלייטים פאַרבלײַבן אין ווין, סטאַמבול, בריסעל, רוים. ניט ווייניק פון זיי פאָרן אוועק קיין אַמעריקע. דאָס זײַנען מענטשן מיט צעקאַליעטשעטע לעבנס, און די שולד דערפאַר וואַרפן זיי אַרויף אויף דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי שרײַבן בריוו און ווענדונגען אין די צווישנפעלקערלעכע אָרגאַניזאַציעס, ווו זיי פאָדערן, מע זאָל פאַרבאָטן דעם ציִעניסטישן שווינדל.

מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָבן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען דערלויבט אומקערן זיך אַהיים, קיין טאַשקענט, דער מישפּאָכע פון איליאַ פּוזײַלאָוו, וועלכע איז אַנטלאָפן פון דער „הייליקער ערד". פּוזײַלאָוו האָט דערציילט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", וויאַזוי די ציִעניסטן באַשווינדלען מענטשן, קויפן זיי אונטער און פאַרוועַרבירן אַלס עמיגראַנטן קיין ייִסראָעל, ווו מע עקספּלואַטירט זיי און מע נוצט זיי אויס אין די אַקציעס קעגן די אַראַבער.

— מיר זײַנען דורכגעפאָרן די גרענעץ, — האָט דערציילט פּוזײַלאָוו, — און אינגיכן אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל אין ווין, דאָרט האָבן אונדז באַגעגנט צוויי פּאָליציי־מאַשינעס, און אַן אויטאָבוס האָט אָפּגעפירט אונדז אין אַ שלאָס שענאַו, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ קריגסלאַגער: בײַ די טויערן — וואַכלײַט מיט אָווטשאַרקעס, אַרום די ווענט — שטעכלדראָט.

דער לײַנער, וואָס איז באַנאַכט אַרויסגעפלויגן פון ווין, האָט אין פּערט־האַלבן שאָ אַרום געלאַנדעט אין אַעראָפּאָרט לאָד (טעל־אוויוו). דער אַעראָפּאָרט לאָד איז אויך אַ מיליטאַריזירטער, די פּאַסאַזשירן ווערן דאָ באַגעגנט דורך פּאָליציאַנטן מיט אויטאָמאַטן, די וואַך איז אומעטום אַ פאַרשטאַרקטע. מיר זײַנען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, אין איבערגעפּולטן מיט מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט צו דערוויסן זיך זייער גוירל. דאָס ערשטע, וואָס מע האָט אונדז דערלאַנגט, — אַ כּיוועס־ביכל און אַ מיליטערישע מיטיילונג, אַז אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום וועל איך זיך דאַרפן מעלדן אויפן זאַמלפּונקט.

זיי דאַרפן ניט קיין זקיינים אָדער פרומע ייִדן, זיי דאַרפן יונגע געזונטע מאַנצבלען, וועלכע קענען האַלטן אַ ביקס אין האַנט און פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן.

מע שרײַט צו אונדז: „זײַט געגריסט מיטן אומקערן זיך אף דער הייליקער ערד”. און באַלד אפן אָרט דערזעען מיר דעם עמעסן זין, פארוואָס מע נארט ארויס די ייִדן פונעם סאָוועטנפארבאַנד. מע האָט אונדז געזאָגט, אז אין ייִסראָעל פעלן אויס טויזנטער שווארצארבעטער, אז עס וועט נאָך לאַנג אויסקומען צו שטיין קעגן די 100 מיליאָן אראַבער.

די מאכט־אָרגאַנען פון ייִסראָעל ווילן, אז די אוילים זאָלן זיך באַזעצן אף די גרענעצן מיט די אראַבישע מעלוכעס, אין יענע מיליטאַריזירטע ייִשווּוים, וועלכע געפינען זיך אף די טעריטאָריעס, וואָס זײַנען אָקופּירט געוואָרן אין 1967. דער ציל איז: שאַפן א בופער, א צוים פון די אימיגראַנטן פונעם סאָוועטנפארבאַנד, קעדיי די דאָזיקע אימיגראַנטן זאָלן, אויב עפּעס וועט פּאַסירן, נעמען דעם ערשטן קלאַפּ אף זיך. קיין עמעסע וווינונגען זײַנען אין די דאָזיקע ייִשווּוים ניטאָ. דאָס זײַנען געוויינלעכע הילצערנע באַראַקן אָן סאַניטאַרע אײַנריכטונגען, אָן נאָרמאַלער וואַסער־באַזאָרגונג.

די ציוניסטישע אַגיטאַציע־ליטעראַטור מאָלט גאָר אן אַנדער בילד: ברעגן מיט א ליכטיק־בלויען הימל־קאָליר, האָטעלן, פּליאַזשן, א רײַך לעבן, פרײַ פון אַלע זאָרגן. דאָס איז הוילער שווינדל, פּונקט ווי דאָס שיקן פאַלשע ארויסרופן קיין ייִסראָעל צו אויסגעטראַכטע קרויווים, ווי דאָס דערקלערן יעדן איינעם הינטער די אויגן פאַר ייִסראָעל־בירגער און ארויסשיקן דורך פּאָטשט א ייִסראָעל־פּאַספּאָרט.

(„וועטשערני טאַשקענט”)

עמיגראַנטן מער איידער אימיגראַנטן

דער סאָוועטישער שרײַבער צעזאַר סאָלאָדאַר דערציילט אין זײַן בוך „געוועזענע” וועגן זײַנע באַגעגענישן אין ווין מיט ייִדן, וועלכע זײַנען בעשײַטע ארויסגעפאָרן פונעם סאָוועטנפארבאַנד קיין ייִסראָעל און דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין אַנדערע לענדער.

קלאַרע ראָזענטאַל איז געווען א פעלדשער אין דער מאָלדאַווישער שטאָט בעלץ. פון ייִסראָעל האָט זי באַקומען א בריוו, וואָס פאַר א רײַך גליקלעך לעבן עס דערוואַרט דאָרט יעדן איינעם. וועגן דעם, פונוואַנען

עס שטאמען אָט די בריוו, האָט זי זיך טיילווײַז דערוווסט שפּעטער, שוין צו שפּעט, ווען זי איז שוין געווען אין וועג.

— אין יִשׂראל, — האָט דערציילט קלאַרע ראָזענטאַל, — האָב איך געטראָפן די מוזיק־לערערן מאַריע ווײַסמאַן, וועמען אַלע בעלצער האָבן גוט געקענט. איך האָב די אייגענע אויגן ניט געגלייבט: פאַר אַזאַ קורצער צײַט איז זי געוואָרן אַזוי אַלט און אָפּגעלאָזן! ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַ מוזיק־שול איז אין יִשׂראל פאַראַן בלויז אין דער הויפּטשטאָט, און זי, ווײַסמאַן, האָט געמוזט לעבן נאָר פון פּריוואַטע לעקציעס, וועלכע זי האָט געהאַט גאַנץ ווייניק. די עלטערן פון אירע שילער פלעגן זיך באַגיין מיט איר גראָב, ניט טאַקטיש, געבן איר אָנווײַזונגען, מאַכן באַמערקונגען, קאָנטראָלירן מיט אַ זייגער אין האַנט די צײַט, ווען זי קומט און ווען זי גייט אַוועק.

איך פרעג בא איר:

— פאַרוואָס זשע האָט איר, מאַריע לאַזאַרעוונע, געשריבן קיין בעלץ, אַז איר לעבט אין יִשׂראל אויסער און קאָוועד? אײַערע בריוו האָבן דאָך אַלע געלייענט, זיי האָבן אומגעבראַכט מענטשן!

די לערערן איז געוואָרן בלאַס, ווי קאַלך, געכאַפּט זיך באַם האַרצן און געזאָגט: „מיר איז געווען אַ כאַרפּע פאַר מײַנע לאַנדסלײַט. איר געדענקט, אַז אין בעלץ בין איך געווען אַ מענטש, כ׳פלעג גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ. די שילער און די עלטערן פלעגן פרײַנטלעך שמייכלען צו מיר. אין יִשׂראל בין איך געוואָרן אַן איבעריקער מענטש. קיינער דאַרף מיך ניט. איך האָב זיך אָפּגעלאָזן, און איך האָב זיך געשעמט צו אַנערקענען דאָס״.

די ציִוניסטן זײַנען אָבער ניט מוחל יענע, וועלכע לויפן פון יִשׂראל און דערציילן דעם עמעס. מע ווענדט אָן דראָונגען, שווינדל, קונציקע פּראָוואָקאַציעס. ניט זעלטן צערעכנט מען זיך מיט זיי אַפילו פיזיש.

די צעצווײַגטע אַגענטור פון „סאָכנוט״ האָט געוואָרפן אַן אויג אויף קלאַרע ראָזענטאַל. מיט אַ קורצער צײַט צוריק האָט ק. ראָזענטאַל דערלאַנגט אַ מעלדונג אין „אָוויר״ פונעם אינערן־מיניסטעריום פון מאָלדאַוויע, ווו זי בעט מעכילע פאַרן גרויסן און שרעקלעכן פעלער, וועלכן זי איז באַגאַנגען, מע זאָל איר דערלויבן אומקערן זיך אַהיים. צו איר מעלדונג האָט זי בײַגעלייגט אַ בריוו, וועלכן זי האָט באַקומען פון פּאַריזש פונעם „פאַריין פון יונגע ציִוניסטן״. אינעם בריוו ווערט געזאָגט:

„איר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טיילן דעם גורל מיטן פאָלק פון ייִס־ראָעל. איר האָט אַרײַנגעשפּיגן אין דער נעשאָמע פונעם ייִדישן פאָלק, און איצט בעט איר הילף בא דער ציוויליזירטער וועלט! איר האָט מער קיין רעכט ניט צו רופן זיך ייִד, ווײַל איר זײַט אנטלאָפן פון ערעץ־ייִסראָעל און באַגיסט מיט עמערס שמוץ דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, וואָס האָט אַזויפיל געטאָן אַף צו ראַטעווען אײַך. מיִעסע פּאַכדאָנים! איר האָט פאַראַטן די זאַך פונעם גרויסן ייִסראָעל, וואָס האָט מאַקריוו געווען די לעבנס פון טויזנטער זײַנע יוגנטלעכע אין קאַמף פאַרן קיִעם... ריכט זיך איצט ניט אַף מיטגעפיל פון אונדזער זײַט. פייגערט אין שמוץ און אָרעמקײַט, ווי כאַזיירים...״

אַ באַקאַנטער קסאַוו! און די „יונגע ציִעניסטן״ פון פּאַריזש זײַנען גאָר ניט אָריגינעל און זייער בייזן קאַס.

וואָס דען זאָלן טאָן די ציִעניסטן? דער פאַקט, אַז מע לויפט מאַסנווײַז און אַלץ מער פון ייִסראָעל, אַנערקענען דאָך אָפן אויך די אָפּיציִעלע פּער־זאָנען פון דער מעדינע. אָט וואָס, לעמאָשל, עס האָט געמאָלדן אין קנעסעט דער מיניסטער פאַר אָנגעלעגנהײַטן פון אימיגראַציע ראָזען: „צום ערשטן מאָל פאַר דער צײַט, וואָס מעדינאַס־ייִסראָעל עקזיסטירט, וועט די צאָל עמיגראַנטן פון ייִסראָעל איבערשטײַגן די צאָל אימיגראַנטן קיין ייִסראָעל״.

דער פּראָגנאָז פונעם מיניסטער האָט זיך באַרעכטיקט. די איטאַליעני־שע פּרעסע האָט שפּעטער געשריבן, אַז, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער העלפט פון 1975, האָט די צאָל עמיגראַנטן פון ייִסראָעל ווירקלעך איבער־געשטיגן די צאָל אימיגראַנטן.

(„מאָסקאָווסקאַיאַ פּראַוודאַ״)

ייִדן פון מאָלדאַוויע...

וועגן דער שווערער לאַגע פון די אוילים ריידן די פּילצאָליקע בריוו און מעלדונגען, וועלכע עס שיקן אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן די געווע־זענע סאָוועטישע ייִדן, דערונטער ייִדן פון מאָלדאַוויע, וואָס האָבן בעשײַטע געגלייבט אין די ליגנערישע האַוטאָכעס פון די ציִעניסטן. וועגן דעם שרײַבן מילי כוסיד, אַרן גרינבערג, סאָניע דובירנאַיאַ און איר זון באָריס, וועלכע האָבן ביז זייער אָפּפאָרן קיין ייִסראָעל געלעבט אין בעלץ, די

דאָקטערשע אנעטא באָגוסלאווסקאיא פון קעשענעוו און פיל אנדערע גע־ווזענע בירגער פון מאָלדאוויע. א סאך פון זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אנטלויפן פון ישׂראָעל, און זיי לעבן איצט אן אָרעם לעבן אין ווין און אין אנדערע שטעט פון מיירעוו־אייראָפּע.

נאָך די אומזיסטע פּרוּוון אָפּצושטעלן דאָס לויפן פונעם לאנד ווערן אין ישׂראָעל אָנגענומען פּיבערהאפטע מאָסמיטלען צו פארנארן אין זאק אריין נייע אוילים. אונטערן דיקטאנט פון דער „יידישער אגענץ״ ווערן געשריבן פּילצוזאָגנדיקע בריוו, און מע צעשיקט גאנצע פּעק מיט ארויס־רופן פון אויסגעטראכטע קרויווים.

אזא פאלסיפיציירטן ארויסרוף האָט דאָ ניט לאנג באקומען די בעלצער איינוווינערן לייע אָלשטיין: איר שוועסטערקינד קנעבעלמאן טיטאל רופט זי קיין ישׂראָעל, קעדיי צו פאריייניקן די מישפּאָכע.

אָט וואָס ל. אָלשטיין שרייבט וועגן דעם:

„איך בין העכסט אופגעבראכט פונעם ארויסרוף קיין ישׂראָעל מיצאד קנעבעלמאן טיטאלן, וואָס איז מיר לאכלוטן אומבאקאנט. אין ישׂראָעל האָב איך ניט קיין שוועסטערקינד און ביכלאל קיין שום קרויווים. איך האָב באַ קיינעם ניט געבעטן, מע זאָל מיר שיקן אן ארויסרוף. קיינמאָל האָב איך זיך ניט געקליבן צו פאָרן אהין. איך האָב דאָרט ניט וואָס צו טאָן. קיין בעסער לעבן, איידער דאָ אין דער היים, אין סאָוועטנפארבאנד, שטעל איך זיך ניט פאָר. איך שטעמפּל מיט שאנד די ציוניסטן, וועלכע ווארפן זיך אין אלע זייטן, קעדיי א ביס טאָן, נאָר זיי ווייסן ניט, פון וועלכער זייט צוגיין צום קאָרבן״.

עס ווערט אלץ ווייניקער די צאָל מענטשן, וועלכע זיינען גרייט גלייבן די ציוניסטן. ווי א קאָרטן־שטיבל, ווערט צעפאלן די לעגענדע וועגן „ערעץ־זאָוואס כאלאָוו אודוואָש״ — וועגן דעם לאנד, ווו עס רינט מילך און האָניק.

(„סאָוועטסקאיא מאָלדאוויא״)

דער שעקער און זיינע דינער

דעם 9 מיי האָט די הויפּטשטאָט פון מאָלדאוויע אויסגעזען באזונדערס שיין און יאָמטעוודיק — די באפעלקערונג האָט געפייערט דעם יאָרטאָג פונעם גרויסן ניצאָכן איבערן היטלער־דייטשלאנד. די גאסן זיינען געווען

פול מיט מענטשן. פון קיִעוו איז נאָרוואָס אָנגעקומען א לײַנער מיט אויסלענדישע טוריסטן.

דאָס אמעריקאנער פאָרל דזשאָעל און אדעל סאנדבערג (ער — אן אויגן־דאָקטער, זי — א לערערן אין מאיאמי־ביטש) האָט באקומען א נומער אין האָטעל. צו זיי איז ארײַן א פאָרשטייער פון „אינטוריסט”:

— אין שטאָט איז הײַנט א גרויסער יאָמטעוו. עס וועט אײַך זײַן אינטערעסאנט דורכשפאצירן זיך איבער די גאסן. דער וועטער איז א מעכײַעדיקער, ווי געוויינלעך דער מאָלדאווישער פרילינג.

— נאָו, — האָט קורץ געענטפערט דזשאָעל, — מיר זײַנען מיד.

אף מאָרגן איז די גרופע אויסלענדישע טוריסטן אוועק אף אן עקסקורסיע. בא די סאנדבערגס זײַנען די פענעמער געווען פארמאָרעשכוירעט — זיי איז געווען אומעטיק. דער אומעט פון דזשאָעלס פאָנעם איז ניט פארשווונדן אויך דעמלט, ווען ער האָט, לויטן פאָרשלאָג פון „אינטוריסט”, באזוכט די הויפט־אָפטיילונג פון דער קעשענעווער פאָליקליניק. דוכט זיך, אז דאָ איז פאר אים געווען א היימישע סוויווע — א דאָקטער צווישן דאָקטוירים. נאָר אים האָט קיין זאך ניט אינטערעסירט, אפילע די מאָדערנע אויסשטאטונג פונעם אויגן־אָפטייל, די דערקלערונגען פון זײַנע קאָלעגן. לויט דער ביטע פון די עקסקורסאנטן, איז די גרופע אוועקגעפאָרן אין איינער פון די הינטערשטאָטישע ווירטשאפטן. די עקסקורסאנטן זײַנען דאָ געווען זייער אופגעלעבט, געשמועסט מיט די פויערים פון דער ווירטשאפט, געטאפט מיט די הענט די עקספאָנאטן, נאָר די סאנדבערגס האָט קיין זאך ניט אינטערעסירט.

קיינער האָט דאָס פאָרל ניט געקאָנט פארשטיין, די סאנדבערגס האָבן דאָך דורכגעמאכט א וועג פון טויזנטער מײַל, אויסגעגעבן א היפשע סומע געלט, קעדיי באקאנען זיך מיטן לעבן פונעם לאנד. און פאקטיש אינטערעסירט זיי דאָ קיין זאך ניט. וואָס מע זאָל זיי ניט ווײַזן, קוקן זיי אף דעם גלײַכגילטיק. נו, עמעסע טשודאקעס!

ניין, קיין טשודאקעס זײַנען זיי ניט, ווײַל געקומען זײַנען זיי אהער ניט אף אן עקסקורסיע, נאָר אף... ארבעט. עמעס, זייער ארבעט איז א שמוציקע, זייער א שמוציקע, נאָר זייערע ארבעטסגעבער זײַנען ניט רייינער פון זיי, כאָטש אויסגעפוצט זײַנען זיי אין עסיק און אין האָניק.

יעדן טאָג פלעגט דאָס פאָרל אוועקלאָזן זיך איבער די קעשענעווער גאסן. דאָ זײַנען זייערע פענעמער שוין ניט געווען פארמאָרעשכוירעט. אָנ־

געשטאָפּט די קעשענעס און די סאַקוואָיאַזשן מיט ציִעניסטישער ליטעראַ־טור, מיט קײַ־גומקעס און אַנדער גאַנגבאַרער „סכוירע״, האָבן זיי זיך גענומען צו זייער עמעסער מעלאָכע — פֿאַנגען נעשאָמעס.

דאָס פּאָרל שטעלט אָפּ אין גאַס דורכגייער, שענקט זיי שמאָכטעס און הייבט אָן אַ שמועס מיט אַזעלכע ווערטער: „אַ ייִדז?״, „איר ווילט פֿאָרן קיין ייִסראָעל?״, „דאָ רודעפֿט מען אײַך?״, „מע באַציט זיך צו אײַך אומ־פֿרײַנטלעך אויף דער אַרבעט, ווי צו אַ ייִדן״?, „אײַך פֿאַרזעט מען שטענדיק מיט אַ פּרעמיע, מיט אַרויסרוקן אויף אַ בעסער באַלוינטער אַרבעט, ריכ־טיק?״, „דערציילט, ווי שווער עס לעבט זיך די ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. שרײַבט אָן אַ פּראָטעסט. זאָגט אײַער פֿאַמיליע, אײַער אַדרעס, וועלן מיר אײַך שיקן אַן אַרויסרוף קיין ייִסראָעל...״

אָבער כאָטש די פּענעמער פֿון די סאַנדבערגס זײַנען בײַס אַזעלכע שמועסן געווען פֿריילעכע, געשטראַלט מיט לעבנסלוסט, האָבן זיי באַקומען אַ פּאָזיטיוון ענטפֿער בלויז אויף דער ערשטער פֿראַגע: „אַ ייִדז?״ — „יאָ, אַ ייִד״. דער אָקוליסט האָט, ווײַזט אויס, געהאַט אַ גענייט אויג, און אינעם האַמוין מענטשן, פֿלעגט ער אָן טאָעס דערקענען אַ ייִדן. נאָר די ייִדן האָבן ניט געוואָלט שמועסן מיט אַ ציִעניסטישן עמיסאַר, כאָטש קיינער האָט זיי, פֿאַרשטייט זיך, דערין ניט געשטערט. באַ די ערשטע ווײַטערדיקע פֿראַגן פֿון די סאַנדבערגס פֿלעגן די קעשענעווער ייִדן גלײַך מיט אַ זויערער מינע אומקערן די „מאַטאָנעס״ און אַוועקגיין. אַנדערע פֿלעגן אַרײַנזאָגן די „געסט״ אַזוי, אַז יענע האָבן זיך געמוזט אָפּטראָגן.

אייניקע פֿון די ייִדן, מיט וועלכע די סאַנדבערגס האָבן פֿאַרפֿירט אַ שמועס, זײַנען, אופגעבראַכטע, אַוועק אין מיליציע און פּראָטעסטירט קעגן דער פּראָוואָקאַציע. מע האָט די אַמעריקאַנער „טוריסטן״ פֿאַרבעטן אין מיליציע און דערקלערט זיי איידל און געדולדיק, אַז זייער אופֿירונג איז ניט בלויז ניט דזשענטלמעניש, זיי ברעכן די סאָוועטישע געזעצן.

פֿון די ווערטער „ניט דזשענטלמעניש״ זײַנען די סאַנדבערגס קנאַפּ ניספּאָעל געוואָרן. אָבער די באַמערקונג, אַז זיי ברעכן די סאָוועטישע געזעצן און דערפֿאַר גלעט מען ניט איבערן קאָפּ, האָט געווירקט אויף זיי. זיי האָבן אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זייערע דרײַ קליי־נע קינדער, וועלכע געפֿינען זיך איצט אין מאַיאַמי־ביטש, און אָנגעשריבן אַ מעלדונג, ווו זיי בעטן מעכילע און אַ הומאַנע באַציִונג. אין דער מעל־דונג האָבן זיי געשריבן: „צו דער רײַזע האָבן מיר זיך לאַנג געגרייט, אַלע

אונדזערע קרויווים האָבן וועגן איר געוווּסט, אין מאיאמי־ביטש און אין ניו־יאָרק האָט מען אונדז געגעבן א סאך אדרעסן...״

דער אויגן־דאָקטער און די לערערן האָבן דערציילט: געגעבן זיי די אופגאבע, געשיקט אין וועג אריין און געדעקט די הוצאָעס האָט די ציוניסטישע יוגנט־אָרגאניזאציע אין מאיאמי־ביטש. אין אלע שטעט, וועלכע זיי האָבן באזוכט ביז קעשענעוו (געווען זײַנען זיי אין מאָסקווע, כארקאָוו, קיִעוו), האָבן זיי געטאָן איינס און דאָס זעלבע...

אין קעשענעוו האָבן די סאנדבערגס קיין „מאזל ניט געהאט״. זייער „ארבעט״ האָט זיך פלוצעם איבערגעריסן. מע קאָן פרעגן — צוליב וואָס ווארפן ארויס די ציוניסטן אזויפיל געלט אפן ווינט? ווער דארף דאָס, וואָס קאָנען זייערע אגענטן אופטאָן?

לאָמיר ענטפערן: יִשראָעל בייטיקט זיך לאכלוטן ניט אין אן עמיגראציע פון סאָוועטנפארבאנד. די גאנצע זאך באשטייט דערין, וואָס אין אן עמיגראציע בייטיקן זיך די ציוניסטישע רעדלפירער. ציוניזם איז, ווי באוווּסט, פארביסענער אנטיסאָוועטיזם. דעם ציוניזם גייט ניט אָן דער גורל פון די טויזנטער מענטשן, וועלכע ער האָט אָפּגענארט. פאר די ציוניסטן איז וויכטיק בלויז דער עצעם פאקט פון עמיגראציע, ווײַל זיי קאָנען אים אויסנוצן פאר זייערע רעכילעס און אָנפאלן אף אונדזער לאנד. דעריבער קארגן זיי קיין געלט ניט און צאָלן יעדן איינעם, ווער עס פארנעמט זיך כאָטש בלויז דערמיט, וואָס ער באווײַזט אין קעשענע א פײַג אין אונדזער זײַט.

די ציוניסטן אין אמעריקע, וועלכע האָבן געשיקט קיין סאָוועטנפארבאנד די סאנדבערגס (און ניט בלויז די סאנדבערגס), האָבן, ווי עס דוכט, אויך א פראקטישן ציל. אזא מין סאָרט „אינפאָרמאציע״ פונעם סאָוועטנפארבאנד איז זיי נייטיק, קעדיי, ווי די אמעריקאנער זאָגן, „דורכוואשן די מויכעס״ פון די שטײַערן־צאָלער. די רעכילעס־„אינפאָרמאציע״ ווערט ברייט אויסגענוצט, ווען די פּראָיִסראָעלישע לאָביסטן אינעם אמעריקאנער קאָנגרעס הייבן אָן מאָנצלען מיליארדן־האלוואָעס פאר טעל־אוויוו.

די סאָוועטישע אָרגאנען האָבן זיך באצויגן הומאניש צום פאָרפאָלק פון מאיאמי־ביטש. מע האָט זיי געווונטשן א גוטן שליטוועגס, געבעטן אָן שום שִיעס פאקן די טשעמאָדאנעס און אָפּטראָגן זיך.

(„סאָוועטסקאיא מאָלדאוויא״)

באנקראָטן

דער דירעקטאָר פון דער לוואָווער שוך־פאַבריק (פאַר אינדיווידועלע באַשטעלונגען) א. אַגראַנאָווסקי האָט, זיצנדיק אין קאַבינעט, געעפנט א פּאַקעט, וואָס איז אים אָנגעקומען פון ישׂראל. איינער — כאַים איַיזעמבערג — שרייבט, אַז ער קאָן ניט פאַרגעסן זיין צוגעבונדנקייט צו אים, אַגראַנאָווסקין, און ער טרוימט וועגן דעם, אַז זייערע פאַמיליעס זאָלן זיך פאַרייניקן און אַף ווייטער לעבן צוזאַמען אין בעסטער פריינטשאַפט.

א. אַגראַנאָווסקי האָט זיך אָן שווערקייטן דערמאָנט דעם געוועזענעם שוסטער כ. אייַזעמבערג, וואָס האָט געאַרבעט אין איינעם פון די צעכן פון דער פאַבריק און איז אַוועקגעפאָרן קיין ישׂראל. מיט וואָס האָט זיך אָט דער אייַזעמבערג אַזוי צוגעבונדן צו אים, אַגראַנאָווסקין, האָט דער דירעקטאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין...

אַזאַ מין פּאַקעט מיט אויסדרוקן פון „הייסער ליבע" האָט אויך באַקומען ל. מאַקטאַזע. נאָר צו מאַקטאַזען האָבן געשריבן גאַנצע דריי מענטשן, וועלכע „זאָרגן זיך" וועגן אים: יוסף שאַפּראַן, בנימין ברוידע און כאַים אַסטראָווסקי. די אַלע דריי רופן מאַקטאַזען צו פאַרייניקן אַלע זייערע מישפּאָכעס „אין איין געזינד".

ל. מאַקטאַזע האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אין דער צייטונג „לוואָווסקאַיאַ פּראַוודאַ". „איך בין אָן אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, א מילכאָמע־אינוואַליד. איך בין טיף אופגעבראַכט פון די האַנדלונגען פון די ציוניסטן, וועלכע באַשווינדלען מענטשן און לאַדן זיי איַין צו זיך קיין ישׂראל".

ניט שטענדיק באַנוגענען זיך די ציוניסטן מיט צושיקן בריוו. אין אייניקע פאַלן שיקן זיי צו פּאַטשט־פּעקלעך מיט, אַזוי צו זאָגן, נעדאָוועס פון רייכע פעטערס. ב. בערעזניאַק האָט באַקומען פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשן א פּאַטשט־פּעקל מיט אייבערשטע בגאָדים. דאָס האָט באַליידיקט זיין אייגנווירדע, און ער האָט אָנגעשריבן א בריוו צום שעף פונעם לוואָווער פּאָטשטאַמט: „איך בעט אַף ווייטער ניט צושטעלן מיר אַזעלכע פּאַטשט־פּעקלעך. איך בין מאַטעריעל גוט באַזאָרגט און נייטיק זיך ניט אין נעדאָוועס פון אויסלענדער".

די טוער פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן, קעדיי ניט אַרויסרופן קיין כשאַד, אָנגעהויבן שיקן די פּאַטשט־פּעקלעך פון פאַרשיידענע

לענדער. ב. בערעזניאק האָט איינמאָל באקומען א פעקל פון דענעמארק, מ. סאפּאָזשניקאָוו — פון ענגלאנד. „אין אויסלאַנד האָב איך ניט קיין קרוי־ווים, — שרײַבט מ. סאפּאָזשניקאָוו אין „לוואָווסקאיא פּראוודא״, — און ניט איך, ניט קיינער פון מײַן געזינד האָט בא קיינעם ניט געבעטן, מע זאָל אונדז עפּעס שיקן. איך בעט אָפּשיקן דאָס פעקל אף צוריק״.

ניט פון א גוט לעבן האָבן די ציִעניסטישע ווערבירער גענומען קריכן מיט די שמוציקע שטיוול אהיים צו פרעמדע מענטשן. עס געפינען זיך אָפּ אַלץ ווייניקער באלאָנים צו אויספּרווון אף זיך די צאָרעס און מאנגלען פון זייער „גאניידן״.

א סאך פון יענע, וועלכע זײַנען שוין יאָ ארויסגעפאָרן קיין יִסראָעל, האָבן אין וועג פארקערעוועט דעם דישל און געענדערט דעם מארשרוט. אין ווין, אָדער אין אן אנדער פונקט האָבן זיי זיך באגעגנט מיט פּליטים פון יִסראָעל, דערוווּסט זיך וועגן דער עמעסער לאגע אין דער מעדינע — וועגן דער ארבעטסלאָזיקײַט, יאקרעס, ווילדע שטײַערן, מאנגל אין דירעס, פּײַנטלעכער באציִונג צו די אוילים מיצאד די סאברעס אאוו. — און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרזעצן זייער וועג.

די שטארקע פארקירצונג פון דער צאָל אוילים און דער אַלץ וואקסנ־דיקער שטראָם פון יאָרדים באווײַזט קלאָר דעם באנקראָט פון די ציִעניסטי־שע אידייען, דעם פולן דורכפאל פון די פּלענער צו שאפן א „גרויס יִס־ראָעל״. עס הילכן נאָך די רוף־שטימען פון די ווערבירער, אָבער די שטי־מען זײַנען שוין גוט הייזעריק. עס קומען נאָך אָן בריוו מיט ארויסרופן און מיט דערלויבענישן ארײַנפאָרן אין דער מעדינע, אָבער די גרעסטע צאָל אדרעסאטן ווילן אין האנט ניט נעמען אזעלכע בריוו, ווי א טאָמע זאך, און אף די אומגעבעטענע זאָרגן ענטפערן זיי מיט צאָרנדיקע פּראָ־טעסטן.

ר. בראָדסקי
פּראָפעסאָר פונעם לוואָווער אוניווערסיטעט
אפן נאָמען פון איוואן פראנקאָ

„דער בעסדן־שאמעס פון די ציִעניסטן״

מיטן קאנדידאט פון טעכנישע וויסנשאפטן לעאָניד הערבער האָבן מיר שוין לאנג געהאט אָפּגערעדט צו טרעפן זיך אין רעדאקציע. נאָר די באגעגעניש איז פיל מאָל אָפּגעלייגט געוואָרן, ווײַל הערבער האָט ניט

געהאט קיין איבעריקן כיישעק צו טרעפן זיך מיט מיר. איך האָב שוין אפילע אופגעהערט צו גלייבן, אז ער וועט מיר קלינגען אין רעדאקציע, ווי ער האָט צוגעזאָגט. נאָר איך האָב אַ טאָעס געהאט. ער האָט יאָ גע־קלונגען. און אָפּגערעדט מיט מיר צו טרעפן זיך אין אָוונט בא אים אין דער היים.

אין יענעם טאָג האָב איך באזוכט דעם „אָוויר״ פון דער כארקאָווער געגנט. באם שעף אין קאבינעט האָב איך געטראָפן אַ געזינד, וואָס האָט שוין אָט־אָט געזאָלט באקומען אַ וויזע אף ארויספאָרן קיין יִשׂראָעל, נאָר אין דער לעצטער רעגע איז מען געקומען צום סייכל, און מע האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער וויזע. דער שעף פון „אָוויר״ האָט אומגעקערט די מענטשן זייערע סאָוועטישע פּאספּאָרטן. אף אזא געשעעניש איז זייער אָנגענעם בײַצוזײַן. די מיטגלידער פון דער מישפּאָכע האָבן מאמעש גע־ווײנט פאר פרייד.

אין אַ האלב שאָ ארום בין איך געוועזן אן איידעס פון אַ אנדער גע־שעעניש אין דעם זעלבן קאבינעט. לעאָניד מאָיסייעוויטש הערבער האָט באקומען די ארויספאָר־דאָקומענטן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אף הערבערן — זײַן פּאָנעם האָט ניט אויסגע־דריקט ניט קיין פרייד, ניט קיין כאראָטע. אַ קאלטבלוטיק געזיכט. אין אַ פּאָר שאָ ארום האָב איך זיך געטראָפן מיט הערבערס אַ קאָלעגע פונעם וויסנשאפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט. ווען איך האָב אים געפרעגט, וואָס טראכט ער וועגן הערבערן, האָט ער געענטפערט: „אָ, לעאָניד מיינט, אז ער פאָרט ערגעץ אף אַ יאריד, ער פארגעסט אָבער, אז פון אַ יאריד קערט מען זיך אום צוריק, און פון דעם לאנד, וווהין ער פאָרט איצט, וועט ער זיך שוין ניט אומקערן. ביז איצט האָט ער נאָך געהאט אַ מעגלעכקײַט צו אָנצוזען די לייצעס און זאָגן „טפררררו!״. נאָר ער האָט דאָס ניט געטאָן.

אין אָוונט בין איך צו דער אָפּגערעדטער צײַט געקומען צו הערבערן אהיים און געטראָפן אים אָן אַ פּידזשאק, אין אַ זשילעט, ארײַנקלאפּנדיק טשוועקעס אין אַ הילצערנעם קאסטן. דער קלאַפּ איז געוועזן אַ גאנץ שוואַ־כער. עס האָט זיך געפילט, אז דער באלעבאָס האלט זעלטן אַ האמער אין האנט, דער טשוואָק האָט זיך געבויגן. אין שטוב איז געווען אן אומאָרדע־נונג, ווי געוויינלעך, ווען דער באלעבאָס פאָרט אוועק. מיך האָט אינטערע־סירט באזונדערס, פארוואָס וויל הערבער אוועקפאָרן. ער לעבט דאָך דאָ,

אין כאַרקאָוו, ניט שלעכט. אין אינסטיטוט באַציט מען זיך צו אים פּריַינט־לעך. און אָט וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פונעם שמועס מיט אים:

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט הערבער זיך באַקאַנט מיט אַ דאָצענט פונעם דאָנעצקער מעדיציַנישן אינסטיטוט עמאַנויִל ליובאָשיץ. איבערגע־פאָרן קיין כאַרקאָוו, האָט ליובאָשיץ פּלאַנירט אַוועקפאָרן פונדאַנען קיין ייִסראָעל. דערהערט, אַז הערבער איז אַ קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנ־שאַפטן, האָט ליובאָשיץ געמאַכט פון אים אַ גאָט, שיר ניט אָנגעטאָן אַף אים אַ מאַנטיע פון אַ פּראָפעסאָר אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט. ער האָט צוגעזאָגט הערבערן, אַז פּריער־שפּעטער וועט יענער אָזאַ מאַנטיע אָנטאָן. ער, ליובאָשיץ, וועט דערוף שוין קיין קויכעס ניט זשאַלעווען. הערבער דאַרף נאָר פאַרלאָזן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט ניט געקאָנט אָפּשאַצן זיַין גרויסן טאַלאַנט. אין ייִסראָעל וועט מען יאָ קאָנען אָפּשאַצן. נאָך אָט די רייד איז ליובאָשיץ בעשאָלעם אַוועקגעפאָרן.

איך פרעג באַ הערבערן:

— ליובאָשיץ איז דאָך שוין אַ מענטש פון אַריבער די פופציקער, פאַרוואָס האָט ער ערשט איצט זיך דערוווּסט, אַז זיַין היימלאַנד געפינט זיך טויזנטער קילאָמעטער וויַיט פון דעם אָרט, וווּ ער איז געבוירן גע־וואָרן?

קיין ענטפער אַף דער פראַגע האָב איך ניט באַקומען. אַגעוו, האָט הערבער מיר דערציילט, אַז ליובאָשיץ האָט אין כאַרקאָוו איַינגערעדט פיל פון זיַינע באַקאַנטע, זיי זאָלן אויך פאָרן קיין ייִסראָעל. הערבער האָט געזאָגט, אַז ליובאָשיץ האָט געהאַנדלט אין דעם פאַל לויט זיַין אייגענער איניציִאַטיוו. אייניקע כאַרקאָווער און דאָנעצקער ייִדן האָבן אים געפאָלגט און אַרויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל.

— עפּשער ווייסט איר, וויִאַזוי עס לעבט זיך איצט אָט די מענטשן?

— איך ווייס גראָד יאָ. דער דאָקטאָר פון מעדיציַנישע וויסנשאַפטן זלאַטקיס און די פענסיִאָנערקע קאַגאַן־יאַסנאַיאַ אַרבעטן אין ייִסראָעל אַלס פאָשעטע דאָקטוירים. שניַידער איז אַ מעכאַניקער אַף אַ קליינער האַנדלס־שיף. זיַין אַרבעטס־טאָג איז זייער אַ לאַנגער, דער פאַרדינסט — אַ קליינער (675 לירעס אַ כוידעש, בייס דער לעבנס־מינימום איז 800—900 לירעס). שטיינבערג איז ביז הײַנט אַרבעטסלאָז.

אַף מיַין פראַגע, וויִאַזוי עס לעבט זיך ליובאָשיצן אַליין, ענטפערט הערבער: עט... ליובאָשיץ — אַ וואַזשנע קיילע. די ערשטע ציַיט האָט ער

זיך אײַנגעאָרדנט אין ירושלאַימער אוניווערסיטעט. איצט גייט ער, דוכט זיך, ארום פּוסט־און־פּאס. נאָר כאָטש קיין ארבעט האָט ער ניט, הונ־גערט ער ניט. אזוי, לעמאָשל, קלינגט ער איין מאָל אין צוויי וואָכן קיין כּארקאָוו, אינטערעסירט זיך מיט די מענטשן, וועלכע ווילן פאָרן קיין יִשׂראָעל. אזא קלונג קאָסט אָפּ א סומע, וויפל עס באטרעפט א דורכשניט־לעכער כּוידעשלעכער פאַרדינסט. אָבער פאַר די טעלעפאָן־געשפרעכן צאָלט ניט ער, עס צאָלט איינע אן אָרגאניזאציע. דעם געוועזענעם דאָקטאָר קאָסט אָפּ ניט ווייניק קויכעס אף אויספילן די אופטראָגן פון אָט דער אָרגאני־זאציע.

— וועלכע אופטראָגן?

— מיט א יאָר צוריק האָט ליובאָשיץ מיר געקלונגען אין טעלעפאָן און געבעטן, איך זאָל זיך באגעגענען מיט די עלטערן פון די ברידער ווײַנמאַן, וועלכע זיצן פאַר א קרימינעלן פאַרברעכן, דערוויסן זיך עפּעס וועגן זיי. איך האָב אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן. דאָס זעלבע האָט מיך גע־בעטן די ענגלישע בירגערין סאָניע, אלס א פאָרשטייערן פון א בריטאַנער יִדישער אָרגאניזאציע. איך האָב זיך דורכגעשמועסט מיט דער מוטער פון די ברידער ווײַנמאַן. זי האָט מיר געזאָגט, אז מע האָט זיי ארײַנגע־זעצט, קלומערשט, דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געוואָלט פאָרן קיין יִשׂראָעל. האָב איך דער מוטערס ענטפער איבערגעגעבן ליובאָשיצן.

סאָניע האָט מיר ווידער געקלונגען און געזאָגט, אז צו אונדז וועט קומען איינער אן ענגלענדער און מע דאַרף פאַר אים גרייטן א פאָטאָגראַ־פיע פון די ווײַנמאַנס. אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך צו מיר אהיים גע־יאָוועט אן אויסלענדער, וועלכער האָט זיך אָנגערופן מײַקל ריטשארדסאָן. ער האָט מיר געבראַכט פון דער בריטאַנער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע צוויי קינדערשע סוויטערס. מיינט ניט, כאָלילע, זאָגט הערבער, אז דער ריטשארדסאָן איז א ציִעניסט. ניין, דאָס האָט ער פאָשעט געטאָן א טויווע סאָניען. געשיקט האָט מען אים קיין טביליסי אף עפּעס אן אינטערנאציאָ־נאַלער וויסנשאַפטלעכער קאָנפערענץ.

— שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז אין יִשׂראָעל האָט מען אונ־טער מײַן נאָמען אָפּגעדרוקט אן ארטיקל וועגן די ברידער ווײַנמאַן. דאָס איז געוועזן פאַר מיר אינגאַנצן אומגעריכט. איך בין געוועזן זיכער, אז יענע, וועלכע אינטערעסירן זיך מיטן גורל פון די ווײַנמאַנס, וועלן זיך ווענדן אין צווישנפעלקערלעכן רויטן קרייץ. אף וויפל איך האָב שוין דערמאָנט

וועגן די ברידער וויַנמאַן, דאַרף איך כאָטש אינקורצן איַיך דערציילן וועגן זייער „געשיכטע". אין מײַ 1972 האָבן לעאָניד און ארקאַדי ווײַנמאַן, זיַיענדיק שיקער, ארויסגעגנאַרט געלט בײַ אַ יינגל. איינער אַ מענטש, וואָס איז בײַגעווען דערבײַ, האָט זיי געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז עס איז ניט שיין אָפּנאַרן אַ קינד, זײַנען זיי באַפאַלן דעם מענטשן און שטאַרק אים געשלאָגן. דערפאַר האָט מען זיי פאַרמישפּעט צו אַ באַשטימטן טערמין טפיסע. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך טאַקע זייער מאַמע ניט געגלייבט. ביפראַט, אַז איך האָב געוווּסט, אַז אָט די ברידערלעך האָבן געהאַט אייבי־קע קאָנפליקטן מיט די שכיינים און אַז אפילע די מאַמע אַליין איז געווען קעגן דעם, זיי זאָלן פאָרן קיין ישׂראל. ליובאַשיצן האַלט הערבער שוין מער ניט פאַר אַ געלערנטן. ער רופט אים „דער בעסדן־שאַמעס פון די ציוניסטן". ער איז זיכער, אַז ליובאַשיץ אַרבעט אַלס ווערבירער בײַ די ציענסיטן. און דאָך...

און דאָך האָט הערבער באַשלאָסן צו זוכן אין ישׂראל „סטראַטעגישן רוים פאַר וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט". אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האַלט ער, וועט מען זיך צו אים ערנסט ניט באַציִען. אויף מײַן פראַגע, צי האָט ער נאָך שעפערישע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד, רופט ער אָן די פאַמיליע פון די ענגלענדער מײַקל שערבאָרן, מײַקל דזשאָנער און נאָך אייניקע „באַרימ־טע" געלערנטע, וועגן וועלכע מע ווייסט עפּשער בלויז אין די געוויסע קרײַזן פון ציוניסטישע ווערבירער.

די דאָזיקע „געלערנטע" קומען פון צײַט צו צײַט אַראָפּ קיין כאַרקאָוו. פאַראיאָרן האָבן די ציוניסטן צוגעשיקט אַהין אַלס טוריסטן צוויי פון זייערע לײַט — דעוויד בלאָכן און מאַרטין האַריסן, בריטישע אונטערטאַ־נער. דאָס פּאָרל האָט אַרומגעגנישטערט איבער כאַרקאָוו, זוכנדיק פאַר די ציוניסטישע אויסגאַבעס שמוציקע אינפאָרמאַציע וועגן דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

עטוואָס פריִער האָט אַזאַ מין פרווו אונטערגענומען דער אַספּיראַנט פונעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט האָוואַרד קאַפּלאַן. דער דאָזיקער איז אוועק ווײַטער פון בלאָכן און האַריסן. ער האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די, וואָס נעמען אָן פאַר אַ קאָשערער מאַטבייע די מײַסעס וועגן גליקן אין ישׂראל. געלט אויף אַזעלכע „טוריסטישע רײַזעס" גיט די באַ־קאַנטע פירמע, וועלכע באַשטייט פון די לאָנדאָנער געשעפטלײַט בעני

סײַמאָן, קאָלין שינדלער, דזשערי לוויס (זיי ספּעציאַליזירן זיך אויפן אידעאָ־לאָגישן ביזנעס).

הערבער האָט מיך מיט אַן אָפּקלאַנג פון אומעט אין קאָל געפרעגט:

— אף וואָס דאַרפט איר מײַנע ענטפערס און בכלל דעם שמועס?

איך האָב ניט באַהאַלטן פון אים, אַז כ׳קלײַב זיך אָנשרײַבן וועגן אונד־זער שמועס אין דער צײַטונג. ער האָט געשוויגן. איך, פון מײַן זײַט, האָב אים געפרעגט:

— צוליב וואָס רײַסט איר זיך קיין ישׂראל? איר רײַסט זיך צו די „גאָלדענע בערג״, וועלכע דער „בעסדן־שאַמעס פון די ציוניסטן״ האָט אײַך צוגעזאָגט?

צי שמעקן ניט די דאָזיקע בערג מיט די גאָלאַן־בערג, ווּהין ער קאָן מעגולגל ווערן? און וואָס וועט זײַן ווײַטער? ווײַטער וועלן גיין בערג מיט מאַקולאַטור, וועלכע וועלן אויסוואַקסן פון די טרערן־בריוו צו די פרײַנט אין כאַרקאָוו?

די ליובאָשיצעס און הערבערס ווייסן ניט פון אַזאַ באַגריף, ווי היימ־לאַנד. זיי האָבן אוועקגעוואָרפן זייער היימלאַנד, וואָס האָט זיי אויסגעכאָ־וועט, דערצויגן, געגעבן בילדונג.

נ. סאָלאָוויאָוו

(„קראַסנאַיע זנאַמיא״, כאַרקאָוו)

סוועטלאַנע קומט נעמען אַ פּאַספּאָרט...

„כאַשעווער פּראָקוראָר פון נאָוואָסיבירסקער געגנט!

אײנגיכן נאָך דעם, ווי מײַן געזינד האָט באַקומען אַן אַרויסרוף פון ישׂראל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ דרוק אף מײַן מינדעריעריק מיידעלע.

עס ווערט אַלץ גרעסער די געפאַר, אַז דאָס מיידעלע זאָל אין דער נאָענטסטער צוקונפט דערפירט ווערן ביז זעלבסטמאָרד, צי ביז אַ פּסיכי־שער קרענק. ניט האָבנדיק דעם אויפזיכט פון דער לײַבלעכער מוטער, קאָן זי אַרײַנפאַלן אין די הענט פון פאַרברעכערישע באַנדעס...״

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ בריוו, וואָס איז צוגעשיקט פון טעל־אוויוו אויפן אַדרעס פון דער פאַרוואַלטונג פונעם אינערן־אַפּטייל פון דער נאָוואָ־סיבירסקער געגנט. דער שטעלפאַרטרעטער פונעם שעף פונעם אינערן־אַפּטייל אַלעקסאַנדער זימין האָט באַוויזן דעם בריוו דעם „מינדעריעריק

מיידעלע" — סוועטלאַנען, ווען זי איז געקומען אָפּצונעמען דעם פּאַספּאָרט וועלכן זי דאַרף שוין, לויטן עלטער, באַקומען.

— פון וועלכער געפעגקעניש דאַרפן מיר דיך באַפרייַען, סוועטאַ, — פרעגט זימין.

אויף סוועטעס פּאָנעם באַווייַזט זיך אַ שטאַרקער כידעש, דערנאָך צע־שמייכלט זי זיך, ווי אַן אונטערוואַקסנדיק קינד, מיט וועמען דערוואַקסענע מענטשן כאַכמענען זיך. באַלד ווערט איר פּאָנעם ווידער ערנסט, ווי זאָגנ־דיק: „איר מיינט, אַז איך בין נאָך אַזוי נאַריש?"

סוועטע האָט קינדווייַז געליטן פון אַ שווערער קרענק. איר מאַמע, נינע פּאַוולאָוונאַ, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין קויכעס און אַרויסגעריסן די טאָכ־טער פון דער קרענק. דערנאָך איז באַ די עלטערן צעשטערט געוואָרן דער שאָלעם־באַיִס, און זיי זייַנען זיך צעגאַנגען. דער טאַטע האָט צוגענומען דעם זון, סוועטע איז געבליבן מיט דער מאַמען.

סוועטע איז געווען אַ גוט דערצויגן מיידעלע, זי איז געוואַקסן אַ פרייַנטלעכע און אופמערקזאַמע צו עלטערע פון איר, נאָר געלערנט האָט זי זיך ניט אַמבעסטן. די מאַמע איז געווען צו איר שטרענג. אָבער ווען אין שטוב איז געקומען דער שטיפטאַטע, איז סוועטען געוואָרן פריילע־כער — ער האָט זי פאַרטיידיקט קעגן דער מאַמעס פאָרווורפן.

דער שטיפטאַטע אַלעקסיי מאַרקאָוויטש האָט באַקומען אַן אַרויסרוף פון יִסראָעל. ער האָט דעם אַרויסרוף אָנגענומען. ער האָט זיך צונויפגע־רעדט מיט נינע פּאַוולאָוונען, אַז זי בלייַבט אין נאָוואָסיבירסק ביז סוועטע וועט ענדיקן די שול. די בריוו, וועלכע פלעגן אָנקומען פון אַלעקסיי מאַר־קאָוויטשן, האָבן געבראַכט מיט זיך פרייד אין שטוב. ער איז געווען זייער פרייַנטלעך, אַרויסגעוויזן גרויס זאָרג וועגן דער מאַמען און וועגן דער שטיפטאָכטער, געשיקט סוועטען שיינע מאַטאָנעס, געשריבן איר, אַז זי וועט זיך לערנען אין אַן אוניווערסיטעט אין איטאַליע.

עס זייַנען פאַריבער אַ יאָר און צוויי. נינע פּאַוולאָוונאַ האָט אירע פּלענער ניט געענדערט. נאָר סוועטלאַנע איז געוואָרן אַלץ אומרויִקער. וווהין וועט זי פאָרן? ווי פאַרלאָזט מען עס דאָס אָרט, וווּ עס זייַנען פאַר־לאָפן די קינדער־יאָרן? עפשער ניט פאָרן? נאָר דעמלט וועט דאָך די מאַ־מע זייַן אומגליקלעך...

סוועטע האָט געענדיקט די צענייאָריקע שול און איז אָנגעקומען אַר־בעטן אין אַן אינסטיטוט. דער טערמין פון אַרויספאָרן האָט זיך דערנעע־

טערט. די מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט, וועלכע זײַנען שוין אין מעשעך פון יאָרן געווען קאָמאנדירט קיין אויסלאנד, האָבן זי געוואָרנט, אז אף קיין גוטס האָט זי אין ייִסראָעל ניט וואָס צו ווארטן. אויב אפילע עס זאָל איר דאָרט זײַן גוט, וועט די בענקשאפט נאָך דער היים איר ניט לאָזן לעבן. סוועטע, וואָס איז שוין געשטאנען אף דער שוועל פון פוליאָריקײַט, האָט נאָכן דורכטראכטן ווי געהעריק אלע פּראָטים באשלאָסן אָפּזאָגן זיך פון די אויסלענדישע גליקן. זי האָט געמאָלדן, אז זי פאָרט ניט. די מאמע האָט עמיגרירט קיין ייִסראָעל.

אָט דאָס איז די עמעסע געשיכטע. נינע פּאוולאָוונא באשולדיקט סוועטלאַנעס כאוועריס און די מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט, אז זיי זײַנען שלעכטע, אומדערבארעמדיקע מענטשן.

— איר מיינט, אז מיר איז דאָס אלץ גרינג איבערצולעבן? קימאט אכצן יאָר האָב איך ניט געוווסט פון קיין לעבן, אלץ פאר סוועטלאַנען, פארוואָס זאָל איך איצט, קימאט שוין אף דער עלטער, ניט האָבן קיין רעכט צו לעבן, ווי א פרײַער מענטש?

יאָ, דאָס איז א קאָמפּליצירטע פראגע, נינע פּאוולאָוונא, קיינער וועט ניט זאָגן, אז איר זײַט גלײַכגילטיק צום גורל פון אײַער טאָכטער, אָבער ווען א מאמע שטייט פאר אן אויסוואל: רעכענען זיך מיט די אייגענע אינ־טערעסן, צי מיט די אינטערעסן פונעם קינד, וועט די גרעסטע מערהײַט מאמעס שטעלן זיך אף דער זײַט פונעם קינד.

און די טאָכטער, סוועטע, — מעג זי זײַן גלײַכגילטיק צו דער מאמעס אינטערעסן?

סוועטע האָט אין א שמועס מיט אונדז געזאָגט:

— איך בין א יונגער מענטש, איך טרעט ערשט ארײַן אינעם לעבן, איך מוז האָבן אן אייגענע מיינונג וועגן פראגן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו מײַן געפיל פון אויספילן דעם מענטשלעכן כויוו, צום געפיל פון פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר זיך, פאר די כאוויירים, פאר מענטשן, וועלכע ווינטשן מיר גוטס. און, כוץ אלעמען, האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן קיין ייִסראָעל דערפאר, ווײַל איך האָב זיבעצן יאָר, פונעם וויגל אָן, געלעבט אין אָט דעם לאנד מײַנעם. איך בין א סאָוועטישער מענטש, און דאָס סאָ־וועטישע לאנד איז מיר טײַערער פון אלץ אין דער וועלט.

ס. סיטניקאָווא
(„וועטשערני נאָוואָסיבירסק")

מיטן אויסגעפּלאַסטערטן וועג צום גאַניידן

אָנדערהאַלבן כאָדאָשים בין איך אָפּגעלעגן אינעם אוראָלאָגישן אָפּטייל פון איינעם פון די טאַשקענטער שפּיטאָלן. צווישן די הויכקוואַליפיצירטע כירורגן טיילט זיך דאָרט אויס גריגאָרי סאָלאָמאָנאָוויטש גאָלובאָוו, וועמען מע האָט אין דער צײַט פון מײַן ליגן אין פּאַלאַטע באַגריסט מיטן באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פון מעדיצינישע וויסנשאַפטן. איך האָב זיך בײַ אים ניט געהיילט. נאָר פון די קראַנקע, וועלכע זײַנען געלעגן אין זײַן פּאַלאַטע, האָב איך געהערט וועגן אים די בעסטע אָפּרופן.

איצט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז גאָלובאָוו אַרבעט שוין ניט אין שפּיטאָל. ווו איז ער? לאָזט זיך אויס, ער איז אוועקגעפאָרן קיין יִשׂראָעל. פאַר זײַנע קאָלעגן איז דאָס געווען אינגאַנצן אומגעריכט. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס האָט אים געצווּנגען צו אוועקפאָרן. ער האָט דאָך דאָ געלעבט זייער גוט, פאַרמעגלעך. מע האָט געשמועסט, אַז זײַנע קרויווים אין יִשׂראָעל האָבן אים צורו ניט געלאָזט, גערופן און גערופן.

צוויי יאָר האָב איך גאָרנישט ניט געהערט וועגן גאָלובאָוון. נאָר דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך באַקאַנט מיט הונדערטער בריוו, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אינעם „אָווער" פון אוזבעקיסטאַן, ווו די אווטאָרן בעטן, מע זאָל זיי דערלויבן אומקערן זיך קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. צווישן די בריוו האָב איך געטראָפן עטלעכע מעלדונגען גאָלובאָווס.

גאָלובאָוו בעט ראַכמים, מע זאָל זײַן צו אים הומאַניש און דערלויבן אים מיט זײַן געזינד אומקערן זיך אַהיים. איצט מאַטערט ער זיך אין עסטרײַך. וואָס איז געשען מיט גאָלובאָוון? צי דען האָט מען אים אין יִשׂראָעל אַזוי באַאוולט? ניין, פאַרשטייט זיך. נאָכן אָפּהאַלטן אים זעקס כאָדאָשים אין די אולפּאַנים, ווו ער האָט געלערנט איווריט, האָט מען אים און זײַן פרוי געגעבן די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן לויטן פאַך. עס איז אויך אײַנגעאָרדנט זײַן שוועסטער ז. אַבדוראַכמאַנאָוואַ. צוליב וואָס זשע איז גאָלובאָווס גאַנצע מישפּאָכע, דערונטער זײַנע עלטערן — שוין טיפע זקיינים — אַנטלאָפן פון טעל־אוויוו?

לאָזט זיך אויס, אַז די מאַטעריעלע באַזאָרגטקײַט איז נאָך ניט אַלץ. אַ סאָוועטישער מענטש האָט זײַן קוק אַפן לעבן. די אַלע דרײַ דויִרעס גאָ־

לובאָווס — די עלטערן, ער און זײַן פרוי, די קינדער — האָבן ניט געקאָנט אײַנלעבן זיך מיט די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

„דער קולט אין דעם לאַנד איז געלט און בלויז געלט, — שרײַבט גאָלובאָוו אין זײַן מעלדונג, — אַפילו מענטשן פון מײַן הומאַנער פּראָפעסיע, ווען זיי זיצן באַם בעט פון עם כוילע, קוקן זיי נאָר אויף זײַן קעשענע, אויף זײַן טײַסטער".

גאָלובאָוו האָט קימאַט באַלד באַם אָנקומען קיין ישׂראל באַמערקט אָט די וויסטע קרענק פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכע ער האָט טעאָרעטיש געוווּסט אויך פריער, נאָר פּראַקטיש, לעבנדיק אין סאָוועטישע באַדינגונגען, האָט ער ניט געקאָנט זי פאַרשטיין. אויסגעניכטערט זיך האָט ער שנעל. ער האָט גלײַך געוואָלט פאַרקערעווען דעם דישל און פאָרן צוריק אַהיים, נאָר אַרויספאָרן פון ישׂראל איז גאָרניט אַזוי לײַכט. ער האָט זיך געפונען אין אַ געדיכטער נעץ פון כויוועס. אָנדערהאַלבן יאָר האָט געדויערט, ביז גאָלובאָוו האָט געקענט צעצאָלן זיך מיט די כויוועס און מיט גרויסע שוועריקײַטן באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין עסטרײַך.

און פאַרוואָס, פרעגט זיך, האָט ער ביכלאַל געדאַרפט פאָרן אַהין? פּאַשעט, ער איז פאַרטשאַדעט געוואָרן פון דער ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דערצו האָט זײַן קאָרעוו, וואָס האָט אים געשיקט דעם אַרויסרוף, צוגעזאָגט אים גאָלדענע בערג און מאַמעש ניט געלאָזט אים צורו.

גריגאָרי סאָלאָמאָנאָוויטשעס טאַטע האָט דרײַסיק יאָר אָפּגעאַרבעט אַלס לערער פון מאַטעמאַטיק און איז שוין אוועק אויף פּענסיע. גוטע פּערספּעקטיוון זײַנען פאַרגעשטאַנען דעם דריטן דאָר פון די גאָלובאָווס: דאָס אייניקל דאָוויד האָט געענדיקט אויף אויסגעצייכנט די מיטלשול און געגרייט זיך אָנקומען אין אַ הויכשול. דאָס צווייטע אייניקל, ראָזע, וואָלט געוויס אויך געענדיקט די שול אויף אויסגעצייכנט, נאָר קיין ישׂראל איז זי אוועקגעפאָרן מיט דרײַ כאַדאָשים פאַרן אָפּגעבן די אַרויסלאָז־עקזאַמענס.

קיין ישׂראל האָבן די גאָלובאָווס געבראַכט אויך אַבדוראַכמאַנאָוועס צוויי קינדער — די צעניאָריקע ריוועלע און די דרײַיאָריקע פרידע. אַבדוראַכמאַנאָוועס מאַן איז געווען קעגן דער אַפּערע, נאָר זאָיע האָט פאַרגעטערט איר ברודער און האָט אים איבערגעגעבן די צוויי קינדער, ער זאָל מיט זיי פאָרן קיין ישׂראל. אַלײן איז זי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן, האָט אים איבערגעלאָזט די צוויי עלטערע יינגלעך. דאָס זויגקינד האָט

זי געגומען מיט זיך. איצט זיצט זי אין ווין און שרײַבט מיט טרערן בריוו אין „אָוויר" פון אוזבעקיסטאַן, מע זאָל איר דערלויבן אומקערן זיך אהיים צו אירע קינדער.

שפעט געכאַפּט זיך...

ס. נעסטעראָוויטש
(„טאַשקענטסקאַיאַ פּראַוודאַ")

„איך דאַרף ניט און וויל ניט אײַערע טויוועס"...

ייִפטאָך יאַגודײַעוו, דער געוועזענער אַרבעטער פונעם דערבענטער בירזאַוואָד, האָט קיין טײַנעס צום לעבן ניט געקענט האָבן: אַן אייגן הויז, רײַך מעבל, נאַכעס פון קינדער: זיבן זײַנען זיי, אייניקע לערנען נאָך אין שול, אַנדערע אַרבעטן שוין. אַ היפּשע פאַמיליע פון נײַן מענטשן, און אין שטוב פעלט ניט פון קיין פייגל־מילך! נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק האָט צו יאַגודײַעוון „פאַרבלאָנדזשעט דער ניט־גוטער". עפּענענדיק איינמאָל אינ־דערפרי דאָס פּאָטשט־קעסטל, געפינט ייִפטאָך אַ מאָדנעם בריוו, ווו עס ליגט אַ פאָרמעלער פאַפּיר מיט אַ שטאַמפּ פון ייִסראָעל. מענטשן, וועלכע פאַר־שטייען איוורית, האָבן פאַרטײַטשט, אַז מע לאַדט אײַן יאַגודײַעוון אַרי־בערצופאָרן אויף שטענדיק קיין ייִסראָעל.

ייִפטאָך האָט זיך דערמאָנט, אַז זײַן טאַטע, וואָס וווינט שוין לאַנג אין ייִסראָעל, האָט אים ניט איין מאָל גערופן צו זיך, געשריבן, אַז ער וועט דאָרטן לעבן, ווי אין אַ גאַניידן, וועט ניט וויסן פון קיינע דײַגעס און זאָרגן, אין בריוו איז געלעגן אַ ביטע צו דער סאָוועטן־רעגירונג: „איך בעט די קאָמפּעטענטע סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, זיי זאָלן דערלויבן מײַנע קרויווים אַרויספאָרן צו מיר קיין ייִסראָעל אויף שטענדיק. נאָך אַזויפיל יאָרן צעשיידונג און שווערע איבערלעבונגען, ווילן מיר פאַרייניקן אונדזערע מישפּאָכעס און לעבן אויף ווײַטער צוזאַמען. איך און מײַן געזינד זײַנען מאַטעריעל גוט באַזאָרגט. מיר פאַרמאָגן גענוג מיטלען אויף צו געבן אונד־זערע קרויווים אַלץ, וואָס איז נייטיק, אַז זיי זאָלן קאָנען קומען צו אונדז. וויסנדיק די הומאַנע באַציִונג פון דער סאָוועטנמאַכט צו דער פראַגע וועגן פאַרייניקן צעשיידטע מישפּאָכעס, האָף איך, אַז מײַן ביטע און די ביטע פון מײַנע קרויווים וועלן געלייזט ווערן פּאָזיטיוו".

יזפטאָכן האָבן זיך אָנגעהויבן כאַלעמען קאָמפּאָרטאבעלע ווילעס, מאָ־ראנצן־וועלדער און מילך־טײַכן. דער הויפּט פון דער גרויסער מישפּאָכע האָט פארלאָרן די רו: ער האָט זיך אײַנגעשמועסט, אז אזא גאניידן איז בעעמעס פאראן אין יזסראָעל, ווו מע קאָן גאנצע טעג זיצן אין שאָטן, עסן געבראָטן פייגל־פלייש און פארטרינקען עס מיט קארמעל־ווײַן, וואָס פליסט לעבן, ווי א טײַך.

און יזפטאָך האָט אָנגעהויבן לויפן אין „אָוויר" בעטן א דערלויבעניש ארויסצופאָרן. מע האָט אים אזא דערלויבעניש געגעבן, נאָר געוואָרנט, אז דער וועג אָף צוריק וועט זײַן פארמאכט. נו, איז וואָס? ווער וויל דאָס אָפּזאָגן זיך פון א גאניידן? און יאגודײַעוו האָט געכאַלעשט צו פארזוכן וואָס גיכער די גליקן פון יזסראָעל. אין וועג האָט ער מיט זײַן פרוי גע־בויט די פּלענער פונעם נײַעם לעבן. קיינער פון די נײַן מיטגלידער פון זײַן מישפּאָכע האָט ניט געקאָנט פאָרויסזען, מיט וואָס עס וועט זיך ענ־דיקן די רײַזע אין א קאפּיטאליסטיש לאנד, ווו עס הערשן אומענטשלעכע געזעצן, אין א לאנד, ווו די אימיגראנטן זײַנען נייטיק אלס הארמאטן־פלייש פאר מילכאָמע מיט אנדערע לענדער, אָדער אלס ביליקע ארבעטס־קראפט, קעדיי פארגרעסערן די רײַכטימער פון די רײַכע.

די יאגודײַעווס האָבן זיך אופגעכאפּט פון שלאָף ערשט דעמלט, ווען יענע, וואָס האָבן זיי אײַנגעלאדן, האָבן זיך דערוווּסט, אז אָט די מישפּאָכע פון נײַן מענטשן וועט ליגן ווי א האָרב אָף זייערע פּלייצעס, און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט פון די יאגודײַעווס.

און יזפטאָך יאגודײַעוו האָט אָנגעהויבן זיך בעטן, מע זאָל אים לאָזן פאָרן אהיים, קיין סאָוועטנפארבאנד. אָבער קעדיי ארויספאָרן פון יזסראָעל, מוז ער פריער צערעכענען זיך מיטן „סאָכנוט" פארן בילעט אפן לײַנער, פאר דער דירע, פאר אָפּפירן זײַן באגאזש, פאר... פאר... פאר... א סאך קומט אויס צו צאָלן. האָט יזפטאָך גענומען שרײַבן אין די סאָוועטישע אנשטאלטן, בעטן, מאָנען, פאָדערן הילף, מע זאָל אים ארויסראטעווען פון די הענט פונעם „סאָכנוט"...

נאָר ווו איז געווען יאגודײַעוו פריער, פארוואָס האָט ער זיך ניט צו־געהערט כאָטשבי צו דער געשיכטע פון זײַן לאנדסמאן, פון דער געווע־זענער סאָוועטישער בירגערן וועלוועלסקאיא. זי שטאמט אויך פון דער־בענט. זי איז אויך געפאָרן זוכן א גאניידן, נאָר געטראָפן האָט זי אָרעמ־קײַט און כורוועס, ווו עס ווינט די אָרעמשאפט. זי האָט אויך געגאָסן

טרערן פאַר די קאָמפּעטענטע סאָוועטישע אָרגאַנען, זיי זאָלן איר דער־לויבן אומקערן זיך אהיים, קיין דערבענט. נאָר מע האָט איר געענטפערט: מע האָט אײַך באַצײַטנס געוואָרנט, אַז קיין צוריקוועג איז ניטאָ און וועט ניט זײַן.

און די ציוניסטישע ווערבירער רופן ווײַטער די ייִדן קיין ייִסראָעל, ווו עס הערשט „גליק און ווױלזײַן"...

די סאָוועטישע ייִדן וואַרפן אָפּ מיט עקל אָט די רופן. אַן אופגעבראַכ־טער איז געקומען אין רעדאַקציע פון דער דערבענטער שטאָט־צײַטונג „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ" דער אַרבעטער פונעם קאָניאַק־זאַוואָד ש. שאַפּאַדאָוו. „איצט, — שרײַבט ער אין זײַן בריוו, — ווען די עקסטרעמיסטן פון ייִס־ראָעל זעצן פאָר זייערע אַגרעסיווע אַקציעס קעגן די אַראַבישע לענדער, צעבלאָזן די קאַמפּאַניע פון אַנטיסאָוועטיזם, שעמען זיי זיך ניט צו ריידן וועגן זייער הייסן פאַרלאַנג, אַז אַלע (!) סאָוועטישע ייִדן זאָלן אַריבער־פאָרן קיין ייִסראָעל. איינער פון די אַרויסרופן איז אָנגעקומען אויך אָף מײַן נאָמען, עס לאַדט מיך אײַן עפּעס אַ נאַטאַן אַשער. אָט דער לאַכלוטן אומבאַקאַנטער פאַר מיר הער בעט די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, זיי זאָלן מיר דערלויבן אַרויספאָרן פון דער היים. איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז אַשער איז אַ ציוניסטישער אַגענט. איך זאָג דערויף: איך דאַרף ניט און וויל ניט אײַערע טויוועס, איך דאַרף ניט דעם ציוניסטישן גאַניידן! איך בין אַן אַרבעטער מיט אַ צוואַנציקיאָריקן סטאַזש. צוזאַמען מיט מיר אַר־בעט שוין 15 יאָר מײַן פרוי. אונדזערע פיר קינדער זײַנען באַזאָרגט מיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפן. אײַער אײַנלאַדונג אַריבערצופאָרן קיין ייִסראָעל וואַרף איך אָפּ מיט צאָרן. איך האָב געלעבט און וועל אויך ווײַטער לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין מײַן היימלאַנד".

א. שעפּיטוו

(„דאַגעסטאַנסקאַיאַ פּראַוודאַ")

איצט וועל איך זאָגן דעם ריינעם עמעס

אינעם אַלטן טייל פון דער שטאָט בוכאַרע זײַנען פאַראַן ווייניק מענטשן, וואָס זאָלן ניט קענען דעם גרײַז־גראָוון מוישע סאַמנעוו. יעדע־רער האַלט פאַר אַ קאָוועד צו גריסן זיך מיט אים, דריקן זײַן האַנט. פּלו־צעם איז מוישע סאַמנעוו אוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל. עס טוט איצט וויי דאָס האַרץ, ווען מע לייענט זײַנע בריוו פון דאָרטן.

„זונעלע טײַערער! נעם מיך צו פונדאַנען. איך האָב דאָ ניט וואָס צו עסן. איך וואָלט געגאַנגען אין אַ מוישעוו־זקיינים, זאָגט מען מיר: „גיב אונדז אָפּ דײַן געלט". פונוואַנען האָב איך געלט? קיין דירע האָב איך ניט, ווו צושפאַרן דעם אַלטן קאָפּ האָב איך ניט. אין דער היים האָב איך געגעסן ברויט, געהאַט אַ דירע, געהאַט אַלץ..."

מיט זײַן גאַנצן געזינד איז געפאָרן זוכן דעם גאַנײַדן־האַטאַכטן דער געוועזענער אײַנוווינער פון בוכאַרע כײַי כאַימאָוו. און וואָס ער האָט געפונען, דערוויסן מיר זיך פון זײַן בריוו:

„געקומען זײַנען מיר בעשאָלעם. אַ שאָד, בעסער וואָלטן מיר ניט קומען. מײַנע פיר זין האָט מען צוגענומען אין דער אַרמיי. איך און מײַן ווײַב גייען אַרום אָן אַרבעט. איך באַקום קיצווע (הילף פון בעסמעדרעשׂ), ווי אַ בעטלער".

אָט איז נאָך אַ בריוו פון אַ געוועזענעם טוישעוו פון בוכאַרע, דעם 67־יאָריקן מ. יונאַטאַנאָוו:

„פריִער האָב איך אין מײַנע בריוו אַלץ געלויבט און געריימט. איצט וועל איך זאָגן דעם ריינעם עמעס: איך האָב געשריבן ליגן. איר זאָלט גאָר ניט טראַכטן אַפילע וועגן פאָרן אַהער. דאָ הערשט שעקער און שווינדל. ווען עס וואָלט געווען כאָטש די קלענסטע מעגלעכקײַט, וואָלט איך קיין רעגע ניט געטראַכט און אומגעקערט זיך אַהיים".

קיין יִיסראָעל פאָרן פרומע ייִדן. זיי ריכטן זיך צו דערפילן דאָרטן „דעם נעשאָמע־ציטער פון גאָט". און וואָס געפינען זיי אין דער ווירקלעכקײַט?

די עלטערן פון באַרנאָ נאַמאַטיִעוואַ וווינען אין בוכאַרע. זי אַליין האָט געלעבט אין דושאַנבע און פון דאָרט אַרויסגעפאָרן קיין יִיסראָעל. אָט איז איר בריוו צו די עלטערן:

„סאַראַ אומגליקלעכע איך בין, וואָס איך בין אַרײַנגעפאַלן אַהער (קיין יִיסראָעל). זאָל אים גאָט שטראָפן[1]. ביכלאַל איז דאָ קיין גאָט ניטאָ. פיל מענטשן האַנדלען ניט ערלעך. אַ הייליק לאַנד, און פון אַלע זײַטן — שווינדל און גענאַרערײַ. איצט האָב איך דאָס פאַרשטאַנען"...

ב. אַקמאַן
(„סאָוועטסקאַיאַ בוכאַראַ")

[1] געמיינט דעם, וואָס האָט זי אַרויסגערופן קיין יִיסראָעל.

די קאָרבאָנעס פונעם ציוניסטישן שווינדל

די ציוניסטישע פראָפּאַגאַנדע זשאַלעוועט ניט קיין קויכעס און מיטלען, קעדיי צו פאַרנאַרן קיין ישׂראל נײַע יידישע אימיגראַנטן. זי זאָגט זיי צו גאָלדענע בערג. איינע דערציילט זי באַבעמײַסעס וועגן דעם קלאַסן־שאָלעם און סאָציאַלער האַרמאָניע, וואָס איז, קלוימערשט, געוואָרן אין ישׂראל אַ נאָרמע פון לעבן; אַנדערע שמועסט זי אײַן, אַז אין דער מעדינע, ווו עס עקזיסטירן „גלײַכע מעגלעכקײַטן״, איז זייער לײַכט צו ווערן אַ נאָגיד און לעבן אין אוישער און קאָוועד; די דריטע דערציילט זי וועגן דעם קלוימערשט ראָמאַנטישן לעבן אין אָט דער „גאַרניזאָנען־מעלוכע״, ווו מע קאָן גיך ווערן אַ העלד אין די קריגס־אָפּעראַציעס. פאַר די אַרבעטנדיקע יידן פון די מײַרעוו־לענדער מאָלט זי פאַנטאַזיעס, וויאַזוי אין ישׂראל ווערן געלייזט די פּראָבלעמען און ווידערשפּרוכן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. פירנדיק די אונטערײַסערישע אַרבעט קעגן די סאָציאַליסטישע מעלוכעס, פּרוווט זי פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק, אַז אין די באַדינגונגען פונעם סאָציאַליזם זײַנען די אינטערעסן פון די יידן ניט די זעלבע, ווי די אינטערעסן פונעם גאַנצן פאָלק, בעטכיין קענען די יידן באַפרידיקן זייערע אינטערעסן בלויז אין אַ יידיש לאַנד.

די ווירקלעכקײַט, מיט וועלכער די עמיגראַנטן טרעפן זיך אָן אין ישׂראל, איז גאַנץ ווײַט פון די שיינע בילדער, וואָס עס מאָלט פאַר זיי די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען דער אוילע טרעט אַרויף אַף דער ערד פון ישׂראל, ווערט ער ביטער אַנטוישט און עס בלײַבט קיין זייכער ניט פון די נאַיווע איליוזיעס. דאָס זוכן אַרבעט, די שוועריקײַטן מיט אַ דירע, די קאָמפּליקאַציעס און צומאָל אַבסאָליוטע אוממעגלעכקײַט צוצופּאַסן זיך צו דער פרעמדער געזעלשאַפט, צום פרעמדן לעבנסשטייגער, די פײַנטלעכע באַציִונג מיצאַד די סאַברעס — דאָס אַלץ זײַנען די באַזונדערס טיפּישע פּראָבלעמען, וועלכע וואַקסן אויס פאַר די אימיגראַנטן.

די „עקאָנאָמישע אינטעגראַציע״ פון די אימיגראַנטן ווערט קעסיידער באַגלייט מיט דער נייטיקײַט צו איבערקוואַליפיצירן זיך, אָפּטער פאַר אַלץ

מיט דיסקוואַליפיקאַציע: אינזשעניערן ווערן שוואַרצאַרבעטער, דאָקטוי־רים — סאַניטאַרן. מע מוז גיין אַף צײַטווײַליקע אַמטן אָדער אַף סעזאָן־אַרבעט. באַזונדערע שוועריקייטן צו אײַנאָרדענען זיך לויטן פאַך לעבן איבער יענע, וועלכע האָבן הויכבילדונג אין הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן. די מערהייט מוז מאַכן אַ לעבן פון צופעליקע פאַרדינסטן, מאַסקים זײַן צו נעמען זיך צו שווערער און שוואַרצער אַרבעט. „אין ישׂראל נייטיקט מען זיך ניט אין מענטשן, נאָר אין אַרבעטס־פּי״, — האָט געזאָגט איינער פון די אוילים אין אַן אינטערוויו דער עסטרײַכישער צײַטונג „פּאָלקסשטימע״. און, ווי באַשטעטיקנדיק די רייד פון דעם דאָזיקן אוילע, האָט דער אַר־בעטס־מיניסטער פון ישׂראל ציניש דערקלערט, אַז אין לאַנד זײַנען פאַ־ראַן „צופיל מענטשן מיט הויכבילדונג״, און ישׂראל איז ניט אימשטאַנד צו באַזאָרגן מיט אַרבעט מער פון 10 טויזנט דיפּלאָמירטע ספּעציאַליסטן אַ יאָר.

בוכשטעבלעך פון די ערשטע טריט אין דער מעדינע איבערצײַגן זיך די אימיגראַנטן, וויפל שעקער עס אַנטהאַלטן די פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַ־הויפּטונגען, אַז אין ישׂראל הערשן גלײַכהייט און סאָציאַלער יוישער. לויט די ידיעס, וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט דער טעל־אביווער אוני־ווערסיטעט, באַטרעפט דער דורכשניטלעכער אײַנקונפט פון אַ „פאַרמעג־לעכער״ אימיגראַנטישער מישפּאָכע אומגעפער 70 פּראָצ. פון דער האַכ־נאָסע פון אַ מישפּאָכע אַלטע טוישווים, און די האַכנאָסע פון אַ מישפּאָכע, וואָס איז געקומען פון די לענדער פון אַזיע און אַפריקע, איז נאָך קלע־נער — זי באַטרעפט אַרום $^2/_3$ פונעם אײַנקונפט פון אַן איבערוואַנדערער־מישפּאָכע, וואָס איז געקומען פון אַמעריקע און אייראָפּע.

באַזונדערס לײַדן די אוילים פון דער וווינונגס־פּראָבלעם. אַלס קלאַל וווינען זיי, און גאַנץ לאַנג, אין לאַגערן, אין צוזאַמענוווינונגען און עטלע־כע געזינדן אין איין דירע, אַפילע אין אויטאָ־פורגאָנען. די מאַכט־אָרגאַנען פון ישׂראל נוצן אויס דעם וווינונגס־קריזיס אַלס מיטל צו צווינגען די אימיגראַנטן צו באַזעצן זיך אין די מידבער־ראַיאָנען, באַהערשן די אָקוי־פּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס.

אַף די אימיגראַנטן דריקט די זייער שווערע פּראָבלעם פון צופּאַסן זיך צו די לעבנס־באַדינגונגען אין דער ישׂראל־געזעלשאַפט. די ציוניס־טישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיי געהאַט אײַנגעשלעפערט מיט רייד, אַז אין ישׂראל וועלן זיי זיך געפינען צווישן אייגענע, ייִדן צווישן ייִדן. פאַקטיש

אָבער פילן זיי זיך ווי פרעמדע. די פראגע וועגן סאָציאַלער אקלימאטיזאַציע איז אריבערגעוואקסן אין אן ערנסטער געזעלשאפטלעכער פּראָבלעם — דאָס זײַנען געצוווּנגען צו אנערקענען אויך די אָפיציעלע קרײַזן און די בורזשואזע פּרעסע.

דער קעסיידערדיקער און שווערער קאמף פאר עקזיסטענץ, די נייטיקײַט צוצופּאסן זיך צו פרעמדע לעבנס־באדינגונגען דערפירט די אימיגראנטן צו א ייִעש־שטימונג. א סאך פון זיי הייבן אָן פארשטיין, סארא פּאטאלן טאָעס זיי זײַנען באגאנגען, ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אָפּנארן פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאגאנדע.

דער עמעס וועגן דערווירקלעכער לאגע פון די אימיגראנטן אין ייִסראָעל דערגייט צו דער ברייטער עפנטלעכקײַט פון גאָר דער וועלט. דער יערושאָלאַיִמער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס" טיילט מיט, אז א גרויסע צאָל ייִדן לייגן אָפּ אָדער אנולירן די פּלענער אריבערצופאָרן קיין ייִסראָעל.

ווי עס איז צו זען פון די אָפיציעלע קוואלן, האָט קימאט א דריטכייל עק פון די אוילים פון די מײַרעוו־לענדער זיך אומגעקערט אין דער אַלטער היים. די סיבעס: ארבעטסלאָזיקײַט אין דער מעדינע, אומדערטרעגלעכער יאקרעס. 30 פּראָצ. אימיגראנטן פון די אנגלאָ־זאקסישע לענדער זײַנען ארויסגעפאָרן פון ייִסראָעל. צווישן דער יוגנט איז דער פּראָצענט נאָך העכער.

די הויכע טעמפּן פון דער עמיגראציע פון ייִסראָעל רופן ארויס אן אומרו בא די מאכט־אָרגאנען און בא די ציִוניסטישע לידערס. עס ווערן אָנגענומען הארבע מיטלען. די לאָנדאָנער צײַטונג „דזשויִש קראָניקל" טיילט מיט, אז אן אימיגראנטיש געזינד, וואָס וויל ארויספאָרן פון ייִסראָעל מוז אומקערן בעערעך 12 טויזנט פונט דער „ייִדישער אגענץ".

אלץ ווייניקער ייִדן גיבן זיך אונטער דער פארפירערישער פּראָפּאגאנדע פון די ציִוניסטן.

וו. וולאדימיראָוו
(זשורנאל „מעזשדונאראָדנאיא זשיזן")

א בילדל: צווישן „סאָכנוט" און „האיאס"

דער אווטאָר איז א זשורנאַליסט. ער איז אָבער קיין אויסלאַנד ארויס־געפאָרן ניט אין א שטפעריישער קאָמאנדירונג לויט זײַן פאך, ניין — ער איז אָפּגעטאָרט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פּראָפּאגאנדע. איצט דער־ציילט ער, וואָס עס איז מיט אים געשען.

„דאָס אלץ, וואָס מיט מיר איז געשען אין יענע טראגישע טעג, איז, דוכט מיר, א פינצטערער כאָלעם. ליידער אָבער איז עס געווען אף דער וואָר.

אפן ווינער וואָקזאל האָב איך זיך געזעגנט מיט מײַן אלטן פרײַנט לעאָניד כיל. ער איז דאָ געווען מיטן גאנצן געזינד און מיט אלע שטוביקע בעבעכעס. כיל האָט געהערט צו די מענטשן, וועלכע טראָגן אלץ אריבער שטיל, שווײַגנדיק, האלטנדיק די עמאָציעס אין זיך. ער איז לויטן פאך א בלעכער, צוואנציק יאָר אָפּגעאַרבעט בא בלעכערײַ אין א מינסקער קאָמ־בינאַט. צווישן די עמיגראנטן איז ער אריינגעפאלן איבער א ברודער, וואָס וווינט שוין פינף און צוואנציק יאָר אין אמעריקע און האָט איצט גערופן אים מיט זײַנע היימישע צו זיך.

מײַן לאגע איז געווען ניט קיין פריילעכע: מיט מײַן איינציקן פרײַנט דאָ, מיט כילן, האָב איך געמוזט זיך צעשיידן, ווײַל ער מיט זײַן געזינד האָט געדאַרפט פאָרן קיין אמעריקע, און איך קיין ייִסראָעל. אָבער פון מײַן גרופּע בין איך אָפּגעשטאנען, דער אווטאָבוס פון „סאָכנוט" איז שוין אוועקגעפאָרן. צו וועמען קאָן איך זיך איצט ווענדן? דערזען מײַן צעטומ־לונג, האָבן די צוויי אגענטן פון „האיאס" (אמעריקאנער קאָמיטעט אף העלפן ייִדישע עמיגראנטן), וועלכע האָבן זיך פארנומען מיט כילן, מיר געזאָגט, אז הײַנטיקע נאכט קאָן איך בלײַבן מיט כילס פאמיליע, און מאָרגן וועט מען מיך אָפּפירן קיין שענאו, ווו עס איז די רעזידענץ פון „סאָכנוט".

ביז פארטאָג זײַנען מיר געבליבן ווארטן אפן וואָקזאל. קאיאָר האָט מען אונדזערע זאכן ארויסגעטראָגן אין גאס, אפן פלאץ איז געווען שטיל און פוסט, עס האָט געגאָסן א רעגן. צו אונדז איז צוגעגאנגען דער פּאָלי־ציאנט, וואָס איז געשטאנען ניט ווײַט אפן פּאָסט, און געפרעגט:

— איר זוכט א טאקסי?

די מאַשין האָט אונדז געבראַכט צו אַ דרײַשטאָקיק הויז, וואָס האָט געהייסן „בעטינס פּאַנסיאָנאַט“. אין דער צענטראַלער געבײַדע זײַנען שוין אַלע ערטער געווען פאַרנומען, האָט די באַלעבאָסטע בעטין אײַנגעאָרדנט אונדז אינעם „פיליאַל“ פונעם פּאַנסיאָנאַט. דאָס איז אַ פּריוואַטע דירע פון צוויי צימערן מיט אַן אײַוועלע און אַ קליינער עלעקטרישער פּליטקע.

— באַנוצן זיך מיט דער פּליטקע און מיט דער וואַנע טאָרט איר ניט, — האָט די באַלעבאָסטע מוידיע געווען, — אויב איר וועט וועלן אויס־טרינקען אַ גלאָז קאַווע, איז אונטן אָפּן אַ רעסטאָראַנדל.

פאַרשלאָפענע, הונגעריקע, האָבן מיר זיך טייקעף אַ וואַלגער געטאָן אויף די שמאָלע הילצערנע בעטן.

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, איז שוין געווען האַלבער טאָג. עס האָט זיך אָבער ניט געוואָלט וועקן כילן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז די לײַט פון „האיאס“ האָבן איבערגעגעבן כילס פּרוי, פאַניען, אַ פּעקל פּאַ־פּירן, דאָרט מוז זײַן דער אַדרעס פון „האיאס“.

אין די פּאַפּירן איז געווען אָן אַ שיר מאַקולאַטור: דעקלאַראַציעס, וועגווײַזערס, אַ גרוס פונעם „האיאס“־אַמט צו אַלע, וועלכע זײַנען געקו־מען פון רוסלאַנד און זײַנען ענדלעך „באַפרײַט געוואָרן פונעם סאָוועטישן יאָך“. געווען דאָרט אויך וויזיט־קאַרטלעך, און פון זיי האָב איך זיך דער־וווּסט דעם אַדרעס פון „האיאס“.

דער „האיאס“ האָט זיך געפונען אין אַ דרײַשטאָקיק הויז. די ברייטע מירמלנע טרעפּ זײַנען געווען באַדעקט מיט אַ טעפּיך. אויפן צווייטן טאָג האָב איך דערזען אַ מאַסיווע טיר מיט אַ פענצטערל. אַ ציי געטאָן דאָס הענטל פונעם מעכאַנישן גלעקל, האָב איך געוואָלט עפענען די טיר, אָבער זי האָט זיך ניט געעפנט, אין פענצטערל האָט אַ שײַן געטאָן און ווידער זיך פאַרלאָשן אַן „אייגל“. עמעצער האָט אויף אַ געבראָכענעם רוסיש גע־פאָדערט דאָקומענטן. איך האָב דערלאַנגט די סאָוועטישע אַרויספאָר־וויזע. אינעם גרויסן האָל זײַנען געזעסן אַ צענדליק עלטערע אוילים.

דער סעקרעטאַר (ער איז, אַפּאָנעם, געווען אײַנצײַטיק אויך אַ וואַכ־טיאָר) האָט מיר אויפגעקלערט, וויאַזוי איך קאָן פאָרן קיין שענאַו און וואָס איך זאָל טאָן, אויב מע וועט מיך הײַנט אהין ניט אַרײַנלאָזן. אינמיטן די רייד האָט זיך צעקלונגען דאָס גלעקל. אין האָל איז אַרײַן אַן אָפּגעריי־סענער־אָפּגעשליסענער ייִדי, אַ געלער. דער סעקרעטאַר־וואַכטיאָר האָט דורכגעקוקט זײַנע דאָקומענטן און מיטאַמאָל אויסגעדרייט אים אַ האַנט

הינטער דער פּלייצע, אַ שטויס געטאָן מיטן פּוס די טיר און אַרויסגעשלײַדערט אים אויף די טרעפּ. ס'האָט מיך באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו מיר:

— יונגערמאַן, איר קלײַבט זיך פֿאָרן קיין ייִסראָעל?

איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— צי ווייסט איר, וועמען איך האָב איצט אַרויסגעשלײַדערט אויף די טרעפּ?

— פֿונוואַנען זאָל איך וויסן?

— אָט דער געלער איז אַנטלאָפֿן פֿון ייִסראָעל. ביז איצט פֿלעגן מיר אַזעלכע געבן הילף, זיי זאָלן אַריבערפֿאָרן קיין אַמעריקע, נאָר איצט פֿאָלגן מיר דעם „סאָכנוט" און טרײַבן זיי אַרויס. קיין אַמעריקע דאַרף מען פֿאַרקערעווען גלײַך פֿון אָנהייב...

אָנצינדנדיק זיך פֿון קאַס, האָט ער צוגעגעבן:

— אַלע לויפֿן פֿון ייִסראָעל... אַלע רוסישע ייִדן זײַנען קאָמוניסטן! געבילדעטע זײַנען זיי! דאָלאַרן מיט ריינער אַרבעט גיב זיי!

ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זײַן ווײַזפֿינגער און מיט צאָרן פֿאַרענדיקט:

— אײַך געפֿעלן ניט די זאַמדן פֿון ייִסראָעל, איז פֿייגערט דאָ! קיין וועג צוריק קיין רוסלאַנד איז ניטאָ! ניטאָ פֿאַר אײַך קיין אויסוואַל!

אויפֿן גאַס איז די פֿינצטערניש פֿונעם האַרבסטיקן בײַן־האַשמאָשעס געוואָרן געדיכטער, עס האָט געזיפּט אַ קאַלט רעגנדל. איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ נאַסער באַנק, פֿאַרמאַכט די אויגן און אונטערגעשטעלט דאָס פּאָנעם אונטער די דערפֿרישנדיקע רעגן־טראָפּנס.

עמעצנס האַנט האָט אָנגערירט מײַן אַקסל:

— עפּשער וועלן מיר אַרײַנגיין ערגעץ זיך אָנוואַרעמען? ווו איז דאָ פֿאַראַן אַ דאַך איבערן קאָפּ?

דאָס איז געווען דער געלער ייִד. איך האָב מיטאַמאָל דערפֿילט, אַז די שיך נעצן דורך און אין די פֿיס איז קאַלט. נאָר אָנהייבן אַ שמועס מיט אָט דעם מענטשן האָט זיך מיר ניט געגלוסט. איך האָב זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער באַנק און, שווער טאָפּטשענדיק אין די לוזשעס, זיך אַוועקגעשלעפּט צום טראַמוויי־אָפּשטעל.

איך ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס, נאָר אָפּגעגאַנגען אַ פּופֿצן מעטער, האָב איך זיך אומגעקוקט אַהינטער. דער געלער ייִד איז געשטאַנען אויף דעם

זעלבן אָרט, ווו איך האָב אים איבערגעלאָזט, און אין די ליכטיקע פענצטער פון דער גאס האָט, ווי געוויינלעך, געפלאָסן א לעבן, א רויִקס אָדער אַן אומרויִקס, אָבער אין דער ווארעם, אונטער א דאך, אין דער אייגענער היים.

פאקטיש האָב איך קיין שום געמיינזאמס מיט אָט דעם מענטשן ניט געהאט. ער האָט זיך געריסן אַף צוריק, קיין סאָוועטנפארבאנד, און מיר איז פאַרגעשטאנען א וועג קיין יִשׂראָעל. נאָר ער האָט, ווי א בייזער נאָווי, מיט זײַן גאנצן אויסזען מאמעש פאָרויסגעזאָגט מיר, אז ניט נאָר דער אָנ־הייב פון מײַן נײַעם לעבנסוועג איז א שלימאזלדיקער, נאָר אויך דער סאָף וועט זײַן ניט בעסער. עס האָט מיר א ריס געטאָן אין הארצן: און טאָמער וועל איך טאקע האָבן זײַן סאָף? בררר!..״

דער אווטאָר פון אָט דעם רעפּאָרטאזש ג. רובענטשיק האָט זיך ניט אומגעקערט אהיים — ניט אַף מאָרגן, ניט אַף איבערמאָרגן... ער איז ווי א וואָגלער אויסגעוועזן אין איטאליע, עסטרײַך, אין אמעריקע... פאר זײַנע אויגן האָבן זיך דורכגעטראָגן לענדער, שטעט, גאסן... אָבער פון די געענ־דערטע אדרעסן האָט זײַן לעבן זיך ניט געענדערט. ער האָט געוואשן פענצ־טער, געפּעס, געווען אויך א מאליער, א שאָפער פון א טאקסי. ער האָט געפילט אַף זיך דעם גאנצן שעקער פון די ציִוניסטישע ווערבירער.

„פאר א מענטש, וואָס איז דערצויגן גאָר אין אן אנדער וועלט, — שרײַבט ג. רובענטשיק אין זײַן בריוו, — פאר א מענטש, בא וועמען אזעל־כע ווערטער, ווי ווירדע, ערע, מענטשן־ליבע, זײַנען ניט קיין פוסטע קלאנ־גען, נאָר וויכטיקע, טיפע באגריפן, איז די מאָראל פון דער בורזשואזער וועלט אומנאטירלעך״.

(„סאָוועטסקאיא בעלאָרוסיא״, מינסק)

ליידן און האָפענונגען

אָט וואָס עס האָבן דערציילט דאָס פּאָרפּאָלק קרייס און א. יאנקעלע־וויטש, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט זיך אומקערן צוריק אין זייער היימ־שטאָט טשערנאָוויץ.

ל. קרייס, א שאָפער פון דער טשערנאָוויצער אווטאָמאָביל־אונטערנע־מונג 25021:

— צוויי טאָן באַגאַזש האָבן מיר מיטגענומען, ווען מיר זײַנען אַרויס־געפאָרן קיין ייִשׂראל. אַ טעלעוויזאָר, אַ וואַש־מאַשין, טעפּיכער, קורץ — אַלץ, וואָס מע האָט געקאָנט מיטנעמען. דערפון האָט מען, אַגעוו, געקאָנט זען דעם מאַטעריעלן לעבנס־ניוואָ פון אַן אַרבעטס־מענטש אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד. וואָס האָבן מיר געבראַכט פון דער מעדינע? צוויי קאָלדרעס און צוויי קישנס אין אַ קאַרטאָן־שאַכטל, וואָס איז אונדז פאַרבליבן פונעם אײַן אײַלעניש פאַרקויפטן טעלעוויזאָר.

מיר זײַנען געקומען נאַקעט־הויל. אָבער איך קלאָג זיך ניט. עס זײַנען נאָר אַ שאָד די צוויי אומזיסט געפּאַטערטע יאָר, וועלכע מיר האָבן, אין טאָך, אַליין אוועקגעגאַנוועט בײַ זיך און בײַ אונדזערע קינדער.

ק. קרייס, אַ מעדיצין־שוועסטער:

— דער דאָזיקער געדאַנק ברענט ביז איצט, ווי מיט אַ פײַער. איך דערמאָן זיך די מאַטערנישן אין עמיגראַציע: פון די ערשטע טריט אינעם אַעראָפּאָרט לאָד, וווּהין מיר זײַנען געקומען צו פליִען, און ביז דער פּאָרט־שטאָט כײַפע, ווו מיר האָבן זיך אויסגעמאַטערט, זוכנדיק אַ דירע און אַרבעט, — אומעטום האָט אונדז געפּײַניקט די בענקשאַפט, די נאָסטאַל־גיע נאָכן היימלאַנד, וואָס מיר האָבן אַזוי אומבאַטראַכט פאַרלאָזט. דער עלטערער זון האָט שוין ניט געלערנט, ער האָט געדאַרפט פאַרדינען אַפן שטיקל ברויט, דער ייִנגערער, מיכל, האָט פּאַקטיש שוין אויך ניט באַזוכט די שול — די איוורית־שפּראַך איז ניט אַזוי פּאַשעט אײַנצובײַסן, און זי איז דאָך די מעלוכע־שפּראַך פון ייִשׂראל. עס איז ניט מעגלעך איבערצוגעבן ווי ביטער עס איז געווען אַפן האַרצן! מיר זײַנען אָן אַ גרענעץ דאַנק־באַר די מענטשן, וועלכע האָבן אונדז פאַרשטאַנען און געהאָלפן זיך אומ־קערן.

א. יאַנקעלעוויטש, אַן אַפּעראַטאָר אין דער מעבל־פאַבריק פון דער פאַראייניקונג „טשערנאָוויצליעס”:

— איך וועל דערציילן, וויפל אונדז איז אויסגעקומען איבערצולעבן, וויפל שטרויכל־שטיינער מיר האָבן געמוזט בײַקומען, קעדיי ווידער דער־פילן זיך צווישן לאַנדסלײַט. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון דער שוועס־טער אין ייִשׂראל. „מיר וואַרטן אַף אײַך”, — שרײַבט זי. און אָט זײַנען מיר געקומען צו פאָרן. אַרומגעקוקט זיך ווי געהעריק, ערשט איך זע: ס׳איז גאָר אַן אַנדער בילד. סאַכאַקל דרײַ כאַדאָשים בין איך דאָרט אָפּגע־ווען און באַשלאָסן צו לויפן וווּהין די אויגן טראָגן.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אהער־אהין, אָבער די כויוועס שלעפּן צום גרונט, ווי אַ שטיין אַפן האַלדז. אָנגעהויבן פון דער אימיגראַציע־ביוראָ, האַלט מען אין איין דערמאָנען וועגן די כויוועס: פאַר די קאָלערליי הילפס־אַרבעטן, פאַר די שטײַערן. אַפילו די לײַבלעכע שוועסטער, וואָס האָט אַזוי געגאַרט צו „פאַרייניקן זיך", האָט באַ מיר געמאָנט פאַר איר הילף 6.000 פונט. ווו זאָל איך נעמען אַזאַ סומע? גוט, איך וועל דערציילן וועגן נאָך עפּעס. פאַר די דרײַ כאָדאָשים האָב איך זעקס מאָל געביטן דאָס אַרבעטס־אָרט, ריכטיקער, מע האָט מיך אַרומגעוואָרפן פון איין אָרט אַפן צווייטן. אַ וואָך צײַט האָב איך זיך געהאַלטן אויף איין טריקאָטאַזש־פאַבריק, דרײַ טעג — אויף אַ צווייטער. דער סאַכאַקל איז איינער: פּראָפעסיאָנעל טויג איך ניט... הערט זיך נאָר אײַן: איך, אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט אַכט און צוואַנציק יאָר באַ טריקאָטאַזש, טויג ניט! נו, טראַכט איך מיר: זײַט מיר געזונט, און דו, מײַן טײַערסטע שוועסטערקע... און אָט האָב איך אין איינעם אַ בעטמעס שיינעם פאַר מיר טאָג אומגעקערט זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד אויף שטענדיק. אָט אַזוי איז, ווי איר זעט, אַלץ געשען...

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פראַגע אין אַלגעמיין גענומען. אין יִיס־ראָעל ווערט שוין אַ סאַך יאָרן געפירט אַ ברייטע קאַמפּאַניע פאַר „אָנ־שטעכן ווערעמלעך אויף די וועגטקעס", דעריקער אויף דער טעריטאָריע פון די סאָציאַליסטישע לענדער. אין דעם איניען אַרבעטן גאַנצע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ספּעציאַליזירן זיך אינעם צונויפשטעלן פאַלסיפיצירטע בריוו מיט האַרצרײַסנדיקע ביטעס צו „פאַרייניקן זיך מיט די מישפּאָכעס". פאַר יעדן איינעם, וואָס לאָזט זיך פאַנגען אויף דער וועגטקע, צאָלט מען אויס די אָר־גאַניזאַטאָרן פון 200 ביז 300 פונט (אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַ „פּיי־רע" עס איז דער אוילע). דער עקספּערימענט מיט אַריבערפירן מאַסנוויַיז די ייִדן פון די קאַנטן, ווו זיי און זייערע טאַטעס און זיידעס זײַנען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן, גיט אָבער ווייניק עפעקט. צווישן אַנדערס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז אין ייִסראָעל, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, ווו עס גע־וועלטיקט דער קאַפּיטאַל, הערשט קאָרופּציע, און קעדיי לעבן, מוז מען גוט אָן אַרבעט טאָן מיט די עלנבויגנס, דורכשטופּן זיך, ווי עס באַפוילן די וואָל־פישע געזעצן.

דערפאַר טאַקע לויפן פון ייִסראָעל טויזנטער און טויזנטער נעכטיקע אוילים. און וויפל פאַרפירטע, אָפּגענאַרטע זײַנען געבליבן שטעקן אין די כּורוועס פון די איירָאָפּעיִשע הויפּטשטעט? אין ווין, ניט ווײַט פון פאַנצאַ־

מאניגענגאסעז, קאָן מען אַ גאַנצע נאַכט זען באַ זײַן „שטעלע" אַן אַלטן שוימער. דאָס איז אַ ייִד מיט אַן אָדישקע. ער אַרבעט אַזוי אין די נעכט, קעדיי פאַרדינען אַף באַצאָלן פאַר זײַן געדונגען קעמערל. ער וועט זיך ניט צוזעצן, אַפילע ניט אָפּשטעלן זיך אַף אַ רעגע — אַ קונציקע רעכענונג־מאַשינקע איז אײַנמאָנטירט אין זײַן אוניפאָרם, און די געציילטע שילינגען, וועלכע ער פאַרדינט, זײַנען די פּרײַז פאַר זײַנע פאַרקויפטע פיס, וועלכע ווערן וואָס ווײַטער אַלץ מער געשוואָלן פונעם צופיל גיין. טוט טאַקע ווײ דאָס האַרץ פאַרן געוועזענעם טשערנאָוויצער אײַנוווינער יאַ. פּײַערמאַן — פאַר אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאָרן אין דער פרעמד, פאַר דער פרוי עסטער, וואָס איז געשטאָרבן ניט לאַנג צוריק, פאַר די לעצטע האָפענונגען צו אומ־קערן זיך אַהיים.

„מײַנע ליידן זײַנען ניט צו באַשרײַבן, — ווענדט ער זיך אין אַ בריוו צו די סאָוועטישע אָרגאַנען, — די ליידן וואָלטן מיר געקלעקט אַף אויס־צוקויפן מײַן שולד פאַרן היימלאַנד. איך בעט איינס — איך וויל שטאַרבן אין דער היים, ניט אין אַ פרעמד לאַנד".

י. סקורטען

(„ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ", קיִעוו)

דער וועג אַף צוריק איז פאַרמאַכט

אַף די טעלעוויזיע־עקראַנען איז באַוויזן אַ געוויינלעכער אַרבעטסטאָג אין ריגער „אָוויר". אַן אַלטע ייִדישע פרוי בעט זיך באַ איינעם פון די מיטאַרבעטער, ער זאָל העלפן איר זון, יאַנקעוו כאַנעליסן, אומקערן זיך אַהיים. ער האָט שוין אויסגעלעקט ביזן דעק דעם בעכער מיט שמוציקן קאָקטעיל, וועלכן עס האָבן פאַר אים צוגעגרייט די סאַרווערס פונעם אויסגע־טרוימטן „גאַניידן אַף דער וועלט", אָבער אָנשטאָט אַ גאַניידן האָט ער גע־האָט אין ייִסראָעל פינצטערע ליידן, ווי אין געהענעם. זײַנע מענטשלעכע רעכט און פרײַהײַטן, צו וועלכע ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען צוגע־ווינט, ווי צו אַ נאַטירלעכער זאַך, האָט מען דאָרט צעטראָטן מיט די פיס.

יאַנקעוו כאַנעליס האָט אַ קערעווע געטאָן דעם דישל און זיך אַוועקגע־לאָזט קיין מײַרעוו־דײַטשלאַנד, פון דאָרט קיין אַמעריקע, אָבער אומעטום האָט ער געטראָפן דאָס זעלבע. קיינעם איז ניט אָנגעגאַנגען דאָס לעבן

און דער גורל פון א וואנדערנדיקן וויסנשאפט־מאן (אין סאָוועטנפארבאנד האָט ער באקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון וויסנשאפטן). ער האָט זיך אומ־געקערט קיין יזראָעל און... פארגרעסערט די ארמיי פון די דאָרטיקע ארבעטסלאָזע, וועמענס איינציק לעבנס־קוואל איז די קיצווע. דעמלט האָבן זיך ענדגילטיק געעפנט זײַנע אויגן, ער האָט דערזען די צוויִעס און פאלש־קײַט פון די ווערבירער. האָט ער אָנגעהויבן פארשיטן מיט בריוו זײַן אלטע מאמע, זי זאָל זיך פאר אים מישטאדל זײַן וועגן א דערלויבעניש אומצוקערן זיך אהיים (כאָטש דעמלט, ווען ער האָט זיך געקליבן ארויספאָרן אין דער „פרײַער וועלט", האָט די מאמע זײַנע געגאָסן טרערן, ער זאָל זי ניט איבערלאָזן אף דער עלטער אליין). איצט וויינט זי פאר די מיטארבעטער פון „אָוויר" און בעט, מע זאָל דערלויבן איר זון אומקערן זיך קיין סאָ־וועטנפארבאנד. אָבער ער, איר זון, איז צו שפעט געקומען צום סייכל...

די מיטארבעטער פון „אָוויר" דערמאָנען דער אלטער פרוי, אז יעדער איינער, וואָס קומט נאָך א וויזע צו פארלאָזן לויט זײַן אייגענעם ווילן דעם סאָוועטנפארבאנד, ווערט געוואָרנט, אז „דער וועג אף צוריק וועט זײַן פארמאכט". נאָר יענע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהערט מיט די באָבעמײַסעס פון דער טעל־אוויווער ראדיאָ, פלעגן שאָקלען צעשטרייט מיט די קעפּ: „יאָ, יאָ, מיר ווייסן, מיר ווייסן". אויסגעלאָזט האָט זיך, אז דעם עמעס האָבן זיי זיך דערוווּסט ערשט דעמלט, ווען זיי האָבן אלץ דערזען מיט די איי־גענע אויגן.

דער געוועזענער דאָקטער און איצט סאניטאר אין איינעם אן אמערי־קאנער שפיטאָל י. מאכנאָוועצקי שרײַבט אין דער צײַטונג „רוסקי גאָלאָס": „אין סאָוועטנפארבאנד בין איך געווען א פולבארעכטיקטער בירגער... איך האָב גענאָסן פון אלע רעכט, וועלכע יעדער סאָוועטישער בירגער געניסט לויט דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע. דאָ אין אמעריקע האָב איך דער־פילט מיט מײַן גאנצן וועזן, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די „פרײַע וועלט": ביסט א דאָקטער, איז גיי ארבעטן אלס א סאניטאר. ביסט אן אינ־זשעניער, נעם אָן א שטעלע פון א וועכטער. געפעלט דיר ניט, איז לעב פון קיצווע".

אפן טעלעוויזיע־עקראַן זעט זיך א וויטרינע פון א קרעמל, ווו מע פאר־קויפט אָפּגענוצטע בגאָדים. אלע טאָג, פון פינצטער ביז פינצטער, שטייט באם קראָם־טיש דער פארקויפער קאַץ. געקומען אהער איז ער פון אָדעס, ער איז א דיפּלאָמירטער אינזשעניער, נאָר איצט מעג ער זיך פילן „גליק־

לעך״, ווײַל ווערן א פּאַרקויפער אין א קרעמל, וואָס געפינט זיך לעבן פּאָרט, האָט זיך אים אײַנגעגעבן ערשט נאָך דרײַ יאָר מאַטערניש און אַרבעטסלאָזיקײַט. שמועסנדיק מיט סאָוועטישע טוריסטן, האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט אוועקגעגעבן צען יאָר פון מײַן לעבן, אַבי אומקערן זיך אין דער אַלטער היים״. אָבער...

— דער וועג אָפּ צוריק איז פאַרמאַכט.

א מיטאַרבעטער פון „אָווירע״ ענטפערט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער טעלעוויזיע אָף זײַנער א פראַגע, אַז באַ אונדז אין לאַנד פאַרהאַלט קיינער ניט א מענטשן, וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון זײַן סאָוועטישער בירגערשאַפט. מיר רעכענען זיך שטרענג מיט די צווישנפעלקערלעכע נאָרמעס. אײנצײַטיק דערמיט וואָרענען מיר יעדן איינעם, ווער עס האָט באַשלאָסן צו ווערן אַן עמיגראַנט: „טוט א טראַכט נאָכאַמאָל, איידער איר באַשליסט״... א סאַך מענטשן זאָגן זיך אָפּ אָנצונעמען די אַרויספאָר־וויזע, כאָטש זי איז שוין אונטערגעשריבן, אָבער אַנדערע... נעמען זי אָן און פאָרן אוועק.

אַזעלכע קלײַבן אַליין אויס פאַר זיך א וועג פון מאַטערנישן און פּײַן. גאָר אײנגיכן האָבן זיי כאַראָטע, אָבער...

— דער וועג אָפּ צוריק איז פאַרמאַכט...

ג. וויטראָטשענקאָוו
(„זנאַמיא קאָמוניזמא״, אָדעס)

„אָטקאַזניקעס״[1]

ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס באַם לייזן די פראַגע וועגן דערלויבן א בירגער אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד און באַזעצן זיך דאָרט אָף שטענדיק, לאָזן ניט אַרויס די סאָוועטישע אָרגאַנען פון אויג די אינטערעסן פון לאַנדשוץ. אויב דער מענטש, וואָס דערלאַנגט אַזאַ מעלדונג, באַזיצט א געוויסע אינפאָרמאַציע (מיליטערישע, מיליטעריש־אינדוסטריעלע און אַנדערע), וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א מעלוכע־סאָד, קאָן ער ניט אין משך פון

---

[1] דאָס וואָרט „אָטקאַזניק״ שטאַמט פונעם רוסישן וואָרט отказ — אָפּזאָג, אַזוי רופן זיך יענע, וועלכע מע האָט צוליב א געזעצלעכער סיבע צײַטווײַליק אָפּגעזאָגט אין דער ביטע אַרויסצוגעבן זיי א דערלויבעניש אָף אַרויספאָרן קיין ייִסראָעל.

א געוויסן טערמין באקומען די דערלויבעניש ארויסצופאָרן. אזא קלאל איז פאָרויסגעזען אין די געזעצן פון יעדן לאנד און, כוץ דעם, אינעם שלוס־אקט פון דער העלסינקער בעראטונג, אף וועלכער עס פארופן זיך אָפט אויסלענדישע אידעאָלאָגישע קעגנער. דער אָפּזאָג איז, געווײנלעך, ניט קיין ענדגילטיקער. עס גייט אריבער א געוויסע צײַט, און דער „אָטקאזניק" באקומט א דערלויבעניש.

די אויסלענדישע „באשיצער" פון די סאָוועטישע ייִדן באמערקן צוליב עפּעס נאָר די ווייניקע אין צאָל „אָטקאזניקעס". פאראן א טרויעריקע לאָגיק אין דעם פאקט, וואָס זיי זעען פּאָשעט ניט די העכער צוויי מיליאָן ייִדן, וועלכע טראכטן אפילו ניט וועגן ארויספאָרן פונעם לאנד.

און ס'איז פארשטענדלעך פארוואָס. די מאסן־עמיגראציע פון די סאָוועטישע ייִדן, וועגן וועלכער עס האָבן געטרוימט די ציוניסטן און זייערע אלטע פארבינדעטע — די שווארצמייעניקעס, איז דורכגעפאלן. באזונדערס ארט די אנטיסאָוועטישע סטראטעגן דאָס, וואָס די עמיגראציע האָט ניט אָנגענומען, ווי עס האָט זיך זיי געוואָלט, דעם כאראקטער פון א פּאָליטישער דערשײַנונג.

מיילע, ניט איז ניט, די ציוניסטן און די אנדערע אומפרײַנט אונדזערע באנוגענען זיך, לעס־ברייער, מיט א קליינעם פאנג. דערפאר אָבער פרוון זיי אופהייבן א טומל ארום די „אָטקאזניקעס".

עס האָבן זיך שוין באוויזן „רעדלפירער" און „פירער" פון דער „אָט־קאזניקעס־באוועגונג", וועמענס האנדלונגען מיר זעען אין דער גאנצער שמוציקער נאקעטקײַט, און אף וועלכע די ווײַט גרעסטע מערהײַט סאָוועטישע ייִדן קוקט מיט עקל.

אָט איז איינער פון די קעשענעווער „אָטקאזניקעס". זײַן נאָמען איז מארק, די פאמיליע — אבראמאָוויטש. ער האָט זיך געכאפּט, אז ווען מע איז אַן „אָטקאזניק", קאָן מען ביכלאל ניט ארבעטן — מיט געלט אף דער הויצאָע באזאָרגן די אמעריקאנער ציוניסטן. אבראמאָוויטש האָט פארשטאַנען צו קאָנצענטרירן אין זײַנע הענט די פּאָטשט־פּעקלעך, וועלכע קומען אָן פון אויסלאנד, און דערמיט איז ער געוואָרן דער באלעבאָס און מוישל איבער יענע אלע, וואָס קלײַבן זיך פאָרן קיין ייִסראָעל. ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו צעטיילן די פּאָטשט־פּעקלעך ווי אים האָט זיך געגלוסט. אָבער זײַן זאט לעבן, זײַן מעמשאָלע האָט ער פון מענטשן אויסבאהאלטן, — ווען צו אים פלעגן קומען פון אויסלאנד קלוימערשטע טוריסטן, פּאקטיש

ציִעניסטישע שליכים, פלעגט ער זיך אָנטאָן קרוע־בלוע און דערמיט דע־מאָנסטרירן זײַן „אָרעמקײַט". אין 1971 האָט ער באַקומען אַ וויזע און איז אוועקגעפאָרן קיין ייִשׂראָעל.

אזעלכע שמוציקע מענטשלעך זײַנען צווישן די קעשענעוווער „אָטקאַז־ניקעס" געווען ניט ווייניק. מע קאָן, לעמאָשל, אָנרופן איינעם אַ רוטבערג, ער איז פאַקטיש גאָר קיין „אָטקאַזניק" ניט געווען. געגעט זיך מיטן ווײַב, האָט ער באַדאַרפט האָבן געלט אַף באַצאָלן אַלימענטן (אַז מע פאָרט אַרויס אַף שטענדיק קיין אויסלאַנד, דאַרף מען די אַלימענטן באַצאָלן פאָרויס פאַר אַלע יאָרן), האָט ער איבערגענומען די מעמשאָלע איבער די „אָטקאַזניקעס" און אָנגעקליבן די נייטיקע סומע געלט, דערלאַנגט אַ מעלדונג אין „אָוויר" און אין צוויי וואָכן אַרום באַקומען אַן אַרויספאָר־וויזע. קיינער האָט אפילע ניט געטראַכט פאַרהאַלטן אַזאַ נעפעש, וואָס איז, אַגעוו, די לעצטע צײַט, צוליב זײַן אַמאָראַלישער אויפירונג, באַפרײַט געוואָרן פון עטלעכע שטע־לעס: אינעם אָרסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וווּ ער איז געווען אַ לערער פון פראַנצויזיש, אין אַ טשערנאָוויצער האָטעל (געווען אַדמיניסטראַטאָר און געפעלשט פינאַנץ־דאָקומענטן). ער האָט אפילע פאַרעגיסטרירט זײַנע אַ פּיקטיווע כאַסענע, קעדיי צו קאָנען שרײַבן אין דער מעלדונג וועגן אַן אַרויספאָר־וויזע, אַז ער פאָרט צו קרויווים.

אַ בעעמעס עקלהאַפטער פאַרשוין איז אַנאַטאָלי שטאַרקמאַן. אַן אינ־זשעניער מיט צוויי דיפּלאָמען, האָט ער פריִער פאַרנומען אַזאַ פּאָסט, איבער וועלכן מע האָט אים אַ געוויסע צײַט ניט געקאָנט געבן קיין אַרויס־פאָר־וויזע. איז ער געוואָרן אַן „אָטקאַזניק". די אויסלענדישע אומפרײַנט אונדזערע האָבן געפּאַטערט ניט איין ראַדיִאָ־שאָ, קעדיי אײַנריידן נאַיִווע מענטשן, אַז די סאָוועטנמאַכט רוידעפט שטאַרקמאַנען: פון דער אַרבעט טרײַבט מען אים, קיין אַנדער אַרבעט גיט מען אים ניט. אינדערעמעסן אָבער אַרבעט ער ביז איצט אין אַ ספּעציִאַליזירטער מאָנטאַזש־פאַרוואַלטונג פון „מאָלדאָוופּלאָדאָאָוואָשטשפּראָמסטראָי". זײַן אַרבעטסלוין באַטרעפט 216 רובל אַ כוידעש, מיט די פּרעמיעס — 300 רובל. ער וווינט אין אַ קאָאָ־פּעראַטיווער דירע מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן. זײַן טאָכטער לערנט אין טיראַספּאָלער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

אינעם קאָלעקטיוו פון דער פאַרוואַלטונג, וווּ שטאַרקמאַן אַרבעט, רופט מען זיך אָפּ וועגן אים גאָר ניט פײַן: ער אַרבעט שלעכט, באַציט זיך צו זײַנע פליכטן מיט אָפענעם ביטל, רעדט גראָב מיט די קאָלעגן אַף דער

ארבעט, באליידיקט זיי. ניט בעסער פירט ער זיך אוף אין דער היים. די שכיינים קלאָגן זיך אף זײַן כוליגאַנישער האַנדלונג.

אַזעלכע „אַטקאַזניקעס", ווי שטאַרקמאַן, האָבן, צווישן אַנדערע צילן, נאָך אַזאַ מיין: מיט זייער כוצפּעדיקער האַלטונג ווילן זיי אַרויסרופן בײַ דער געזעלשאַפט, ווו זיי לעבן, אַ געפיל פון אַנטיסעמיטיזם, שפּרייטן צווישן די סאָוועטישע מענטשן נאַציאָנאַלע סינע, וואָס איז דערווידער דעם עצעם גײַסט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג, אַרויסרופן פײַנטלעכע געפילן צו דער סאָוועטנמאַכט אויך צווישן די אַנדערע ייִדן און דערמיט זיי שטויסן צו ווערן אויליס קיין ייִסראָעל.

וו. אַלעקסאַנדער
(„וועטשערני קישיניאָוו")

וויאַזוי די ציִעניסטן „פּאַרייניקן" מישפּאָכעס

אף די אַרויסרופן, וועלכע קומען אָן פון ייִסראָעל צו סאָוועטישע ייִדן, איז אָפּגעדרוקט אַ סטאַנדאַרטער טעקסט. די קאָמפּעטענטנע אָרגאַנען אין פּססר ווערן געבעטן, זיי זאָלן דערלויבן די קרויווים פון די אווטאָרן פון די צוגעלייגטע בריוו (גאַנץ אָפט איז דאָס אַ פאַלשע קרויווּשאַפט) אַרויס־צופאָרן אף שטענדיק קיין ייִסראָעל: „איך און מײַן מישפּאָכע זײַנען מאַ־טעריעל גוט באַזאָרגט, און מיר פאַרמאָגן אַלע מיטלען אף צו געבן די קרויווים אַלץ, וואָס זיי איז נייטיק, באַלד פונעם ערשטן טאָג נאָך זייער קומען צו אונדז". אַזאַ פילזאָגנדיקע באַוואָרעניש איז אַ טייל פון דער ניט אָרנטלעכער מעטאָדאָלאָגיע פון די ציִעניסטן, וועלכע אָרגאַניזירן די עמי־גראַציע.

צו אַזאַ רוף פון זייערע שוועסטער, וועלכע לעבן אין ייִסראָעל, האָבן זיך צוגעהערט ביילע וואָלק און כאַנע גודקאָווא. זיי האָבן אײַנגערעדט אויך די קינדער און אוועקגעלאָזט זיך צו די קרויווים, וועלכע האָבן זיך זיי פאַרבעטן. אינעם עראָפּאָרט לאָד האָט זיי אָבער קיינער ניט באַגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס. די באַאַמטע פונעם אימיגראַציע־אַמט האָבן זיי דערלאַנגט צום אונטערשרײַבן די קוויטלעך, אַז זיי האָבן באַקומען אין קרעדיט געלט אף אָן אַוויאַ־בילעט פון ווין ביז טעל־אַוויוו און אף אײַנאָרדענען זיך. ווו זשע זײַנען די קרויווים, וועלכע האָבן צוגעזאָגט צו

געבן אלץ, וואָס איז נייטיק, באלד פונעם ערשטן טאָג פון דעם לעבן אפן נײַעם אָרט? זוכנדיק זיי, האָט כאנע דערהערט פון די אָנגעשטעלטע פונעם אימיגראציע־אמט רייד, וועלכע האָבן אף איר געווירקט ווי אַ קאלטער דוש: „קיינער האָט אײַך אהער ניט גערופן!". ביילע האָט יאָ געטראָפן זיך מיט אַ שוועסטער, אָבער זייער באגעגעניש איז געווען ניט ווארעמער, איידער כאנעס שמועס מיטן אימיגראציע־באאמטן. ביידע האָבן פארשטאנען, אז זיי זײַנען אָפגענארט געוואָרן. צום גליק איז שפעטער געשען אַ נעס: מיט גרויסע מאטערנישן האָט זיך זיי אײַנגעגעבן אין אַ צײַט ארום אומקערן זיך אהיים, און זיי דערמאָנען זייער וויזיט קיין ייִסראָעל ווי אַ שרעקלעכן כאָלעם.

אין מינסקער „אָוויר" האָט מען אונדז באוויזן פאלשע ארויסרופן, מיט וועלכע די סאָוועטישע בירגער איזאבעלאַ כאָדאס, ארן לעדער, זײַן מוטער ראָכל, מיכאָעל דייטש מיט זײַן געזינד און אנדערע האָבן ניט געוואָלט באנוצן זיך. באַ איינעם אַ פעטער, וואָס איז מיט פופציק יאָר צוריק ארויסגעפאָרן קיין פאלעסטינע, האָבן זיך איצט דערוועקט די קרויווישע געפילן צום פלעמעניק, און ער בעט די סאָוועטן־רעגירונג, זי זאָל העלפן צו פארייניקן די מישפּאָכע. די קרוויוים פונעם פעטערס פרוי כאלעשן צו פארייניקן זיך מיט דער מישפּאָכע פון זײַן פלעמעניצע. מיכאָעל דייטש דערוויסט זיך אומגעריכט פונעם ארויסרוף, אז אין ייִסראָעל, אינעם קיבוץ „בעט אלפא", האָט ער אַ קאָרעוו יויסעף לאכנאָ, וואָס וויל זייער זען אים באַ זיך אין קיבוץ. דאָס אלץ וואָלט געקלונגען קאָמיש, אָבער די, וואָס האָבן געגלייבט, אז די פאבריצירטע ארויסרופן זײַנען עמעסע, האָבן שפעטער ניט געלאכט, נאָר געוויינט.

אשטייגער, ס'האָט זיך געקליבן פאָרן קיין ייִסראָעל די מינסקער פרוי מ. לעוויטינא. ארויסגערופן זי האָט אַ שוועסטער. זי וויל אָבער ניט אוועקלאָזן זיך אין וועג אליין און פאָדערט, אז צוזאמען מיט איר זאָלן פאָרן ניט אנדערש, ווי די טאָכטער, דער איידעם און די אייניקלעך. דער איידעם האלט אָבער, אז זײַן היימלאנד איז דאָ, אין סאָוועטנפארבאנד, און ער קלײַבט זיך אין ערגעץ ניט פאָרן. איז אָט, פון יאנוואר פאָריקן יאָר אָן געפינט ער זיך מאמעש אין אַ באלאגערונג־צושטאנד: די שוויגער האָט, וועלנדיק אײַנריידן דעם איידעם, צוערשט געכאנפעט אים, דערנאָך געסטראשעט, אז זי וועט אָפנעמען די דירע, צעשטערן דאָס רויִקע לעבן, אָן זײַן העסקעם וועט זי אוועקפירן די קינדער קיין ייִסראָעל...

עס וויל ניט לאָזן זיך אין וויַיטן וועג איינער אליין דער מינסקער איַינוווינער לעוו בליאכעראָוו, ער זוכט א באגלייטער און פאָדערט, אז מיט אים זאָלן פאָרן די פלעמעניצע אנא קאָנטאראָוויטש און איר מאַן. די פלע־מעניצע האָט ער איַינגערעדט. דער מאַן אָבער האָט זיך פאראקשנט: ניין און ניין. ווידער סטראשונקעס, שאנטאזש. אנעס מאַן איז געוועזן געצוווּנגען זיך ווענדן צו אדמיניסטראטיווע אָרגאנען מיט דער באקאָשע, מע זאָל אים באשיצן פון די ווערבירער.

דער פעלערהאפטער וועג פון אייגעם לאָזט זיך אויס מיט אַן אומגליק פאר זיַינע קרוויים און נאָענטע. דאָס געזינד פון אנא קאָנטאראָוויטש איז צעפאלן געוואָרן. עס איז צעשטערט דער שאָלעם־באַיס בא מאריַא לעוויטי־נא, ס׳זיַינען אוועקגעפאָרן קיין ייִסראָעל די פרוי און דער זון פונעם איב־זשעניער מארק פּאָלעי, מארק אליין האָט נאָך שטארקע איבערלעבונגען באשלאָסן, אז אים איז לײַכטער צו פארלירן זיי, איידער דאָס היימלאנד. מ. יודקעוויטש שריַיבט צו זיַינע קינדער, ווי ביטער עס איז דאָס לעבן אין ייִסראָעל, און ער בעט, מע זאָל אים העלפן ארויסריַיסן זיך פון דאָרטן. עס דריקן אויס זייער כאראָטע און ווענדן זיך אין די סאָוועטישע אָרגאנען מיט דער ביטע צו דערלויבן זיך אומקערן אהיים ד. פרידמאַן, מ. יוד. אגעוו, זיַינען פרידמאַן און יוד אריבערגעפאָרן פון ייִסראָעל קיין אמעריקע, נאָר אויך אין אמעריקע פילן זיי זיך אומגליקלעך.

די ציִוניסטישע ווערבירער טראכטן ניט וועגן מענטשלעכע ליידן, זיי טוען זייער שמוציקע ארבעט, וועלכע ווערט פינאנסירט פון אנטיסאָ־וועטישע פאָנדן. „די, וואָס שיקן אָן אַף אונדז ציִוניזם, — שריַיבט פון דער עמיגראציע אהיים עדוארד ווייץ, — זיצן אין אמעריקע, אין קאנאדע, מערסטנטייל מיט מיליאָניקע קאפיטאלן אין קעשענע. עס ציט זיי ניט צו דער „הייליקער ערד״. צוליב אייגענע אינטערעסן טראכטן זיי אויס אין סאָוועטנפארבאנד א „ייִדן־פראגע״ און זשאלעווען ניט קיין געלט אַף ווער־בירן אוילים״.

וועגן דער פּראָבלעם צו געפינען אין ייִסראָעל ארבעט לויטן פאך דערציילן י. גאָלדבלאט, ב. וואָלק, דאָס פאָרפאָלק אראָן און ליליע וואָלאָ־דארסקי. ער — אַן עלעקטריקער — קאָן ניט קריגן קיין ארבעט אין זיַין פּראָפעסיע און איז געצוווּנגען צו גיין אלס שווארצארבעטער אין א וורשט־פאבריק. ב. וואָלק האָט פאר גראָשנס געוואשן די דילן בא באלעבאטים. די אוילים פון סאָוועטנפארבאנד האָבן אין ייִסראָעל איין רעכט: טאָן די שווער־

סטע ארבעט און... שווײַגן. „אנדערש וועט דער באַלעבאָס געפינען צען אנדערע אף מײַן אָרט‟, — זאָגט ביילע וואָלק. דעם טאַם פון דער קאפיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָבן אפן גאנצן לעבן פארגעדענקט יענע אַלע, וועמען ס׳האָט זיך אײַנגעגעבן פּאָטער ווערן פון דער עמיגראַציע, זיי האָבן ניט געוואָלט, ווי גאָלדבלאַט האָט זיך אויסגעדריקט, „זײַן קנעכט באַם קאַפּיטאַליזם, לאַקייען באַ די באַלעבאַטים‟.

„ווען די טאָכטער איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן, — דערציילט כאַנע גודקאָווא, — האָב איך געמוזט ארויסרופן די גיכע הילף. די דאָקטוירים זײַנען געקומען ניט פריִער ווי אין אַ שאָ צוויי ארום, און ביז איך האָב ניט באַצאָלט די 25 פונט, זײַנען זיי פון דער מאַשין ניט ארויסגעגאַנגען...‟

פונקט אַזאַ פאַקט ברענגט אינעם שמועס אויך י. גאָלדבלאַט.

די מענטשן, וועלכע מיר האָבן דאָ אָנגערופן, האָבן געלעבט אין יִיסראָעל פון אָנדערהאַלבן כאַדאָשים ביז אָנדערהאַלבן יאָר. דערצויגענע אין אַן אנדער אַטמאָספער, זײַנען זיי דערשיטערט געוואָרן פון דער האַרצלאָזער געזעלשאַפט, וווּ דאָס געזונט און דאָס לעבן פון אַ מענטשן איז אָפּהענגיק דערפון, צי ער האָט געלט, אַ געזעלשאַפט, וווּ קעסעף (געלט) איז די מאָס פון אַלץ — פון קרויווישע געפילן, פרײַנטשאַפט, מיטלײַד צום נאָענטן. „איך מיין, אַז דאָס לעבן אין אַזאַ געזעלשאַפט איז ניט בעסער איידער אין געטאָ‟, — האָט געזאָגט כ. גודקאָווא, און אַזאַ איז די מיינונג פון דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אוילים פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכע זײַנען פריִער פאַרבלענדט געווען פונעם גלאַנץ פון דער רעקלאַמע וועגן דעם לעבן אין יִיסראָעל. „פון אַ סאַך מענטשן אין יִיסראָעל וועסטו אָבער אַזוינס ניט הערן, — וואָרנט י. גאָלדבלאַט, — ווײַל זיי האָבן מוירע. זיי שווײַגן, דולדן די צאָרעס, קאָנען ניט ארויספאָרן איבער די כויוועס‟...

לאָמיר לייענען ווײַטער דעם בריוו פון עדוואַרד ווייץ. „פון אַזאַ לעבן, ווי דאָ, אין יִיסראָעל, עקלט: איך בין גליקלעך, וואָס איר זײַט ניט געקומען צו פאָרן. בעסער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איז ניטאָ קיין לאַנד אין ערגעץ... יעדערער לעבט אין דער מעדינע פאַר זיך. איך קען אַלץ ניט באַשרײַבן, — דאָס איז אַ שוידער. מע בעט מיך, איך זאָל ארויסטרעטן אין ראַדיִאָ פאַר די סאָוועטישע צוהערער, נאָר איך טו דאָס ניט. כ׳וועל זיך קיינמאָל ניט מויכל זײַן, אויב איבער מיר וועלן מענטשן ארײַנפאַלן אין דער פּאַסטקע. דו געדענקסט, יאַשע, יענע יִדן, וואָס האָבן געוויינט אין טעלעוויזאָר (עס רעדט זיך וועגן דעם אינטערוויו אין טעלעוויזיע מיט סאָוועטישע יִדן,

וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון יִשׂראָעל.— וו. ז.). מיר האָבן זיי ניט געגלייבט. אָבער אלץ, וואָס זיי האָבן דערציילט, איז עמעס".

דעם דאָזיקן בריוו האָט אָנגעשריבן א „מאזלדיקער" מענטש. ער האָט געהערט צום העכסטן סטאנדארט אין יִשׂראָעל: געווען א מיטגליד פון דער יִשׂראָעלדיקער אָלימפּישער זאמל־קאָמאנדע, מאטעריעל געווען באזאָרגט. פארוואָס זשע איז ער אזוי אנטוישט? דער ענטפער איז א פּאָשעטער. אָנטרעפנדיק אף דער וועלט פון הארצלאָזיקן קאפּיטאליזם, אפן געיעג נאָך געלט, אף זיטן פון רויבעריַי און אינדיווידואליזם, האָט ער אינערלעך דאָס אלץ ניט אָנגענומען, ס'האָט פּראָטעסטירט אין אים דער מענטש, וואָס איז דערצויגן אין די באדינגונגען פון דער סאָוועטנמאכט. צום באדויערן, האָבן אזעלכע, ווי ער, פּאָליטיש זיך אונטערגעגעבן און ארויסגעוויזן זיך אלס „נארישע קאָרבאָנעס פון גענארעריַי און זעלסטגענארעריַי", ווי עס האָט געשריבן וו. אי. לענין וועגן די מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעלערנט „הינטער יעטווידע זיטלעכע, רעליגיעזע, פּאָליטישע, סאָציאַלע פראזעס, דערקלערונגען, צוזאָגן אָפּצוזוכן די אינטערעסן פון די אָדער אנדערע קלאסן".

וו. זדאָלניקאָוו
(„סאָוועטסקאַיא בעלאָרוסיאַ")

באָריס מאסיס האָט זיך צוגעהערט צו דער שטים פון די אָוועס

באָריס מאסיס איז געווען א דאָצענט פון דער פראנצויזישער קאטעדרע אין סמאָלענסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט, דערנאָך פּארוואלטער פון דער קאטעדרע פון אויסלענדישע שפּראכן.

אין דער מעלדונג וועגן ארויספאָרן קיין יִשׂראָעל האָט ער געשריבן: „איך וויל די יאָרן, וועלכע מיר איז געבליבן צו לעבן, געפינען זיך אין לאנד פון מיַינע אָוועס".

ווען די סטודענטן פון מאסיסעס קאטעדרע האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער דאָזיקער מעלדונג, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו באזוכן זיַינע לעקציעס און געפאָדערט באם רעקטאָר, מע זאָל זיי געבן אן אנדער לעקטאָר, כאָטש עס האָבן צווישן זיי ניט אויסגעפעלט אזעלכע סטודענטן, וועלכע האָבן

געהאט א הויכע מיינונג וועגן פּראָפּעסיאָנעלן ניוואָ פון די לעקציעס (מאַסיס איז געווען א גרויסער קענער פון שפּראַכן). זײַן פרוי האָט אָנגעגעבן אין געריכט א מעלדונג וועגן א געט. איר האָט זיך זייער ניט געוואָלט כאַרעוו מאכן דאָס פאמיליען־לעבן, נאָר מאסיס האָט געטײַנעט:

— עס רופט מיך די שטים פון מײַנע אָוועס.

אף דער אלגעמיינער פארזאמלונג אין אינסטיטוט האָבן די לערער אים געפרעגט:

— האָט די סאָוועטנמאכט מיט עפּעס אײַך באַאוולט?

— ניין, — האָט ער געענטפערט.

— האָבן עפּשער די סטודענטן, עמעצער פון קורס, אײַך מיט עפּעס באַליידיקט?

— ניין.

— פאַרוואָס זשע פאַרלאָזט איר דעם אינסטיטוט, די כאַווײרים און פרײַנט, מיט וועלכע איר זײַנט געווען פאַרבונדן ניט איין יאָר?

— עס רופט מיך די שטים פון די אָוועס...

— און די שטים פון אײַערע קינדער און אייניקלעך? ווער וועט וועגן זיי זאָרגן?

— די סאָוועטנמאכט. זי וועט די קליינע קינדער ניט לאָזן פאַרפאַלן ווערן.

איינמאָל איז צו מאסיסן געקומען זײַן קאָלעגע, א דאָצענט פון פראַנצויזישער שפּראַך. אינעם לעבן האָט ער זיך א סאַך אָנגעזען: געבוירן אין בולגאַריע, געלערנט אין פראַנקרײַך, געאַרבעט אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, ענדלעך געקומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד.

— דיר וועט זײַן אין יִיסראָעל שווער, — האָט ער געזאָגט מאסיסן, — איך האָב אין זינען ניט בלויז די נאָסטאַלגיִע (דו וועסט בענקען נאָך דער היים), נאָר דעם פּאָשעטן לעבנסשטייגער. די רעכט, וואָס די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע גיט אונדז, ווייסטו גוט. נעם, אשטייגער, די רעכט אף אן אָנקלאָגע. דאָ בלײַבט קיין איין אָנקלאָגע ניט אָן רעזולטאַט, מע שאַפט ספּעציעלע קאָמיסיעס, מע קאָמאַנדירט פאַראַנטוואָרטלעכע טוער און זשורנאַליסטן צו קאָנטראָלירן די ריכטיקײַט פון דער אָנקלאָגע, און דאָרט? ווער וועט זיך אף דיר אומקוקן?

— איִי, דו פאַרשטייסט ניט דעם אינערלעכן געפיל, די שטים פון די אָוועס, — האָט ווידעראַמאָל איבערגעכאַזערט מאסיס.

פארן אָפּפאָרן קיין ייִשׂראל האָט ער ניט געהאט קיין געלט־אָפּשפּאָ־רונגען (אויב גלייבן זײַן בריוו צום פינאַנץ־מיניסטער פון פּסטר): פון די 300—400 רובל א כוידעש, וועלכע ער פלעגט פארדינען, האָט ער ניט אָפּגעשפּאָרט אפילע אף א ווינטער־מאַנטל (עמעס, דער בריוו איז אָנגע־שריבן מיט א באַשטימטן ציל — באַפרײַען זיך פון די הויצאָעס, וועלכע זײַנען פארבונדן מיטן עמיגרירן).

מאסיס האָט זייער גוט געוווּסט, אז צווישן די וויסנשאַפט־טוער פאַר־נעמען די סאָוועטישע ייִדן דאָס דריטע אָרט (האגאַם צווישן דער באַפעל־קערונג — אײַנגאַנצן גענומען — דאָס עלפטע אָרט), אז אף יעדע 10 טויזנט אײַנוווינער זײַנען פאראן 315 ייִדישע סטודענטן, ווען די צאָל סטודענטן פון אנדערע פעלקער באַטרעפט ניט מער ווי 182. מע האָט אים בייס איינעם א שמועס באַוויזן די מאַטעריאַלן פון א פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין דער פּרעסע און פון וועלכע ס'איז צו זען, אז צווישן די, וועלכע אַרבעטן אין דער וויסנשאַפט, באַטרעפן בא אונדז אין לאַנד 8 פּראָצענט ייִדן, אין דער מעדיצין — 6 פּראָצענט, אין דער קונסט — 8 פּראָצענט, אין דער ליטעראַטור און פּרעסע — 20 פּראָצענט. מאסיס האָט די דאָזיקע ציפערן ניט באַשטריטן, ער ווייסט וועגן דעם זייער גוט, ער האָט אָבער איין ענטפער:

— די שטים פון די אָוועס...

פארן אָפּפאָר איז בא אים געוועזן א פּרײַנט — ייִצכאָק זעלצער, וועל־כער איז נאָרוואָס געקומען צוריק פון ייִשׂראל:

— הער אויס, בערל, אַן אייצע פון אַן עלטערן פון דיר. איך בין געוועזן אין דער מעדינע און בין דאָרט קליגער געוואָרן אזוי, אז עס וועט קלעקן אפן גאַנצן לעבן. א סאָוועטישער ייִד קאָן זיך ניט אדאַפּטירן אין דעם דאָזיקן טײַוולאָנישן גאַניידן, דו וועסט זיך דאָרט שטענדיק פילן דערנידעריקט, דערשטיקט. עפּשער קלערסטו עפּענען א קרעמל, איז זײַ וויסן, אז גאָר גיך וועט דיך דערשטיקן דער באַלעבאָס פון דער נאָענטסטער אוניווערסאַלער קראָם...

מאסיס האָט קיינעם ניט געפאָלגט. ער האָט זיך צוגעהערט בלויז צו דער שטים פון די אָוועס. און אָט איז ער שוין אין כײַפע, אים האָט בע־עמעס אָפּגעגליקט: דער אַבסאָרבציע־צענטער האָט אים אײַנגעאָרדנט אַלס לעקטאָר אין אוניווערסיטעט. דאָס מאזל אָבער האָט געקלעקט סאַכאַקל

אף צוויי יאָר. מע האָט אים באפרײַט פון דער ארבעט, און ער האָט זיך אריבערגעקליבן אין דער ארמיי פון ארבעטסלאָזע.

א גאנץ יאָר האָט ער ארומגעבלאָנדזשעט איבער די כײַפער גאסן, זוכנדיק ארבעט. קיינעם האָט ניט אינטערעסירט, וואָס ער, אזא קענער פון אייראָפּעיִשע שפּראכן, גייט ארום פּוסט־און־פּאס. ער איז ארוף אף די בערג פון קארמעל, ווו די רײַכע סאָכרים וווינען אין די לוקסוס־הײַזער, נאָר גלײַך דערפילט, אז מע קוקט אף אים דאָרט, ווי אף א פרעמדן, קיינער דארף אים ניט. איז ער אראָפּ צום פּאָרט, ווו מע קאָן טרעפן אינזשעניערן און פאָטאָגראפן, דאָקטוירים און פאבריקמאכערס, לערער און מוזיקאנטן — געוועזענע, פארשטייט זיך, ווען אָט די מענטשן האָבן געלעבט אין ווילנע, באָברויסק, קעשענעוו, סאמארקאנד, אָדעס, לענינגראד, איצט זײַנען זיי איבעריקע מענטשן. אין פּאָרט קאָן מען אמאָל פארדינען עפּעס אלס טרעגער. (ס'איז מעגלעך אויך פארדינען אף ברויט אין די גלאָז־ און גומי־פאבריקן, ווו עס ארבעטן ייִדן פון די אזיִאטישע און לאטײַן־אמעריקאנישע לענדער, נאָר צו אזא ארבעט דארף מען האָבן אײַזערנע מוסקולן).

— —

— —

אין א צײַט ארום איז באָריס מאסיס געקומען אין זעלבן כײַפער פּאָרט, אָבער ניט קעדיי זוכן ארבעט. ער איז ארויסגעפאָרן פון ייִסראָעל, מיט פארפלאָנטערטע וועגן געקומען קיין ווין און געוואָרן א שטענדיקער באַזוכער אין דער סאָוועטישער געזאנדשאפט. עפּשער וועט מען אים דערלויבן אומקערן זיך אהיים?

א. לאָנסקי
(„ראבאָטשי פּוט", סמאָלענסק)

פארוואָס לויפט מען פון ייִסראָעל

די רעגירער פון ייִסראָעל זײַנען גליקלעך: אָט־אָט קומען אָן פון אמעריקע 90 נײַסטע קריגס־אעראָפּלאנען. אָבער דער ייִד פון א גאנץ יאָר פרעגט: וואָס טויגן מיר די 90 אעראָפּלאנען, אויב פּראָדוקטן זײַנען פּאָריקס

יאָר טפּערער געוואָרן אַף 60 פּראָצענט; מער ווי אַף 2.000 יִשׂראלעל־פונט האָט זיך געהעכערט דער יאָריקער סכאַר־לימעד אין די מיטלשולן און אוניווערסיטעטן; אַף 40 פּראָצענט זײַנען טפּערער געוואָרן בילעטן אפן שטאָטישן טראַנספּאָרט, די הויצאָעס אַף וואַסער, עלעקטרישער ענערגיע, אַף אַלע מינים הייצוואַרג...

די לעצטע צײַט האָט די רעאַקציע אין יִשׂראָעל גענומען פאַרשטאַרקן איר אָנגריף אַף די רעשטן פון די אַרומגעשניטענע בורזשואַזע „פרײַהײַטן“. דער דעפּוטאַט פון דער אולטראַ־רעאַקציאָנערער „פּאַרטיי פון באַנײַונג“ ש. פלאַטאָ־שאַראָן האָט אַפילע פאָרגעלייגט צו פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ער קלײַבט אונטערשריפטן פאַר זײַן פאָרשלאָג.

ווער איז דאָס דער ש. פלאַטאָ־שאַראָן? אַ פּאָשעטער גאַנעוו, וואָס איז אַנטלאָפן פון די פראַנצויזישע געריכט־אָרגאַנען. אין 1975 האָט דער פראַנצויזישער געריכט צום פינפטן מאָל פאַרפירט אַ קרימינעלן פּראָצעס קעגן דעם גאַנעוו לאַטוראַ (אונטער אַזאַ פאַמיליע האָט מען דאָרט געקענט דעם איצטיקן קנעסעט־דעפּוטאַט פלאַטאָ־שאַראָן). אים האָט געדראָעט פינף יאָר טפיסע... דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַ ייִד. אָט אַזוי האָט אין יִשׂראָעל זיך באַוויזן אַ נײַער „אוילע“, אַן עמיגראַנט מיט אַ גראָבן טײַ־סטער, וועלכן ער האָט אָנגעלעבט פון גנייווישע מאַכינאַציעס. און אָט דער קרימינעלער פאַרברעכער האָט עס פאַרנומען אַ פּאָסטעל אין דער קנעסעט, באַקומען פאַרלאַמענטישע אומבאַרירלעכקײַט!

דער פּרעמיער מענאַכעם בעגין האָט, ווי עס טיילט מיט די רייטער־אַגענטור, ניט לאַנג צוריק אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג צו באַפרײַען פון טפיסע אונטער זײַן, בעגינס, פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט דעם באַנקיר יעהוישוע בענסאָן, וואָס איז געזעסן פאַר גאַנוועגען 47 מיליאָן דאָלער. דאָ איז צום אָרט דערציילן, אַז בענסאָן האָט פאַרמאָגט אַ היפּשן פינאַנציעלן אײַנפלוס אין טעל־אוויוו, ער האָט אַ לאַנגע צײַט פינאַנסירט די פּאַרטיי „כערוט“, וואָס איר לידער איז בעגין. קורץ, איין האַנט וואַשט די צווייטע.

זייער אַקטועל אין יִשׂראָעל איז איצט די פּראָבלעם פונעם וווּקס פון פאַרברעכנס צווישן דער יוגנט. יעדעס יאָר ווערן אין לאַנד רעגיסטרירט 36 טויזנט גנייוועס. אין יִשׂראָעל איז דער גרעסטער אין דער וועלט פּראָ־צענט יוגנט, וואָס באַנוצט נאַרקאָטיקס. די בעגין־רעגירונג טראַכט גאָר אַפילע ניט וועגן אָפּשטעלן די פאַרברעכערישקײַט און נאַרקאָמאַניע. דער

איצטיקער פרעמיער פאָלגט זײַן גײַסטיקן פאָטער וו. זשאַבאָטינסקי, וועל־כער האָט בײַ אַ געלעגנהייט געזאָגט: „מיר וועלן ווערן אַ נאָרמאַלע מעלו־כע ערשט דעמלט, ווען די באַנדיטן און פּראָסטיטוטקעס וועלן ווערן בײַ אונדז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע דערשײַנונג״.

אָט פאַרוואָס אַ סאַך אוילים לויפן פון ישׂראל. די דאָרטיקע בירגער זײַנען מיד פון פּילצאָליקע מילכאָמעס און קעסיידערדיקע קריגס־פּראָוואָ־קאַציעס, פון די העכסטע אין דער וועלט שטײַערן, פונעם אומגעהערטן ניוואָ פון אינפלאַציע און מיליטאַריזאַציע, פון די פאַרברעכנס, פון שטענ־דיקער שרעק פאַרן מאָרגעדיקן טאָג, פאַר דער צוקונפט פון די קינדער.

ד. קאָרעצקי
(„ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ״, קיִעוו)

דער אינהאַלט און די געשיכטע פון איינער אַ ניט־פאַרעפנטלעכטער קאָרעספּאָנדענץ

אַ גרופּע אַמעריקאַנער טעלעוויזיע־אַפּעראַטאָרן האָט אין אַ ייִשעוו, וואָס ישׂראל האָט אויפגעבויט אויף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאָריעס, געדאַרפט פאָטאָגראַפירן עטלעכע אָביעקטן, קעדיי פאַרענדיקן אַ פילם, וואָס עס האָט באַשטעלט די גרעסטע טעלעוויזיע־קאָמפּאַניע פון אַמעריקע. ווען די אָפּעראַטאָרן זײַנען געקומען אין דעם ייִשעוו, וועלכן די מאַכט־אָרגאַ־נען פון ישׂראל האָבן רעקאָמענדירט, און גענומען אויסלאָדן פון די מאַ־שינעס די אַפּאַראַטור, איז פון אַ נאָענט הויז אַרויסגעלאָפן אַ צעקאָכטער מאַנצבל מיט אַן אווטאָמאַט און אויף אַ געמישט איוורית־ענגליש־לאָשן גע־נומען פאָדערן, זיי זאָלן זיך טייקעף אָפּטראָגן פונדאַנען. די פּרוּוון צו באַ־רויִקן אים האָבן ניט געהאָלפן. דער ייִשוּוניק האָט אויסגעשאָסן פונעם אווטאָמאַט איבער די קעפּ פון די זשורנאַליסטן און אַזוי שאַרף אויסגעזידלט זיי, אַז זיי האָבן גלײַך גענומען אָפּטראָגן די אַפּאַראַטן צוריק אין די מאַ־שינעס.

דער אינצידענט וואָלט ניט געהאַט קיינע פֿאָלגן, ביפֿראַט נאָך, אַז מע האָט די אַמעריקאַנער פֿאַרגעלייגט אַן אַנדער יִישעוו אויף פּאָטאָגראַפֿירן, ווען זיי וואָלטן געהאַלטן וואָרט און קיינעם וועגן דעם אינצידענט ניט דערציילט, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט. אָבער, קומענדיק אין פּרעסע־קלוב, האָבן זיי פֿאַרינטריגירט מיט דער פּאַסירונג איינעם פֿון די זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן באַשלאָסן אויף אייגענער אַכרײַעס אַ שמועס טאָן מיט דעם בייזן יִידן.

אויף מאָרגן אין אָוונט, איז דער זשורנאַליסט צוגעפֿאָרן אויף זײַן אַל־טינקן פּיִאַט־אַוטאָמאָביל צו דעם זעלבן אָרט. אָפּגעשטעלט זיך, האָט ער געעפֿנט דעם קאַפּאָט און גענומען פֿאַרקען זיך אינעם מאָטאָר. ס׳איז אַוועק אַ האַלבע שאָ צײַט. עס איז געוואָרן ווינטער, ווען עס ווערט פֿרי פֿינצטער. מיט דער פֿינצטערניש איז אָנגעקומען די קעלט. אויף די גרענעצן פֿונעם יִישעוו זײַנען געשטאַנען סלופּעס מיט פּראָזשעקטאָרן. אָבער די שײַן פֿון די פּראָזשעקטאָרן האָט באַלויכטן די אַנטקעגנדיקע זײַט. אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ געדיכטע פֿינצטערניש, בלויז לעבן די הײַזער זײַנען קליי־נע פֿלעצער געווען באַלויכטן מיט דער שײַן פֿון די פֿענצטער. ענדלעך איז פֿונעם אַנטקעגנדיקן קאָטעדזש אַרויס אַ מאַנצבל און אַ זאָג געטאָן: „דער מאָטאָר אַרבעט ניט?"... אינעם זאָג האָט זיך געפֿילט סײַ אַ פֿראַגע, סײַ אַ באַשטעטיקונג. דער זשורנאַליסט האָט זיך אָפּגערופֿן: „איך קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס מיט אים איז געשען"...

אַרײַנגעקוקט אונטערן קאַפּאָט, האָט דער יִישוווניק געבעטן צולײַכטן אים מיטן פֿאָנאַר, און ווי אַ פֿאַכמאַן, האָט ער אָנגעהויבן גיך קאָנטראָלירן די קאָנטאַקטן.

— עס האָט איבערגעברענט די שפּולקע. דאָ וועט איר איצט קיין שפּול־קע ניט קריגן. מאָרגן קאָן מען אָנקלינגען אויף דער נאָענטסטער סטאַנ־ציע. הײַנט אָבער וועט קיינער ניט פֿאָרן ניט אַהין, ניט פֿון דאָרט. ס׳וועט אײַך אויסקומען איבערנעכטיקן בײַ מיר.

אין אַ שאָ אַרום, זיצנדיק בײַ אַ טעפּל הייסער טיי אין אַ באַשיידן מעבלירטן צימער, האָט דער זשורנאַליסט שוין פּאַקטיש דערגרייכט דאָס, צוליב וואָס ער איז, אייגנטלעך, אַהער געפֿאָרן. דער באַלעבאָס איז געווען דער זעלבער מענטש, וואָס האָט געדראָעט מיטן אויטאָמאַט די טעלעוויזיע־אַפּאַראַטאָרן.

ער איז אָבער געווען ווײַט ניט קיין צערייצטע כּײַע, ווי עס האָבן אים געשילדערט די איבערגעשראָקענע אמעריקאנער. אַ פּערציקיאָריקער מאַן מיט מידע אויגן, וואָס קוקן גלײַכגילטיק אַף אַלץ, האָט ער אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם, פאַרוואָס ער איז מיט אַ טאָג פריִער אָנגעפאַלן אַף די אַפּעראַטאָרן:

— די נערוון האָבן זיך צעשפּילט. שוין צופיל שרײַט מען אַף אַלע קוילעס, ווי גוט אונדז לעבט זיך. דאָס איז אָבער ניט עמעס. איך האָב אַף מײַן אייגענעם לײַב איבערגעפּרוווט פיל „פּרעכטיקע" זאַכן.

דאָס איז אַ מין טײַוולאָנישער טעמפּער ווינקל, פון וועלכן מע קאָן זיך ניט אַרויסרײַסן. מע האָט מיר געזאָגט: „נעם צו פאַר זיך אָט די ערד, דאָס איז דײַן ערד, לעב אַף איר און באַשיץ זי". קוידעמקאָל, איז דאָס ניט קיין ערד, נאָר אַ מידבאָר! איך זיץ דאָ מיט אַן אווטאָמאַט אין האַנט, און מע האַלט מיר אין איין אײַנריידן, אַז איך קום אַ כּויוו דער ייִדישער מעלוכע. איך דאַרף דינען אין דער אַרמיי, גיין אין בעסמעדרעש, אָפּגעבן אַ גרויסן טייל פון מײַן פאַרדינסט אַלס שטײַער, ניט שרעקן זיך פאַרן יאַקרעס און פאַר אַנדערע מאַנגלען. און אַזוי נאָכאַנאַנד: איך דאַרף, איך דאַרף, איך דאַרף — צוליב עפּעס אַ כימערישער אידיי!

מע שמועסט מיך אײַן, אַז איך בין באַ זיך אַף דער ערד, איך בין דאָ דער באַלעבאָס. דאָס איז אָבער גאָלע גענאַרערײַ. אין ערגעץ אין דער וועלט פילט ניט אַ ייִד אַזאַ סינע צו זיך, ווי דאָ, אַף די אָקופּירטע טעריטאָריעס. סײַ די שטוב, סײַ די ערד, אַף וועלכער איך האָרעווע אַ גאַנצן טאָג און שטיי באַנאַכט אַף דער וואַך, זײַנען ניט מײַנע. איך בין אַרײַנגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, וואָס איז קונציק אָוועקגעשטעלט געוואָרן. אַף אויסצאָלן די כויוועס וועט מיר ניט קלעקן ניט מײַן לעבן, ניט דאָס לעבן פון מײַנע קינדער. מײַנע שכיינים געפינען זיך אין דער זעלבער לאַגע. און מע פאָדערט נאָך באַ אונדז, מיר זאָלן פאַזירן פאַר די אָביעקטיוון, שמייכלענדיק, מיט אַ פריידיקער מינע. אונדזער לעבן האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ קאָשמאַר, און אונדזערע קינדער האָט מען געמאַכט פאַר אומגליקלעכע, דערבײַ האָט מען „צוליב אונדז" פאַרפּינצטערט דאָס לעבן באַ אַנדערע אומשולדיקע מענטשן, אָפּגענומען באַ זיי די ערד און די היים.

איך האָב ערגעץ געלייענט, אז עס קאָן ניט זײַן פרײַ א מענטש, וואָס נעמט אָפּ די פרײַהײַט בא אנדערע. דאָ פילט מען עס באזונדערס קלאָר. מע טאָר ניט בויען דאָס אייגענע גליק אפן אומגליק און אף די ליידן פון אנדערע! קאָלזמאן מיר זײַנען שטארקער פון די אראבער, פארנעמען מיר די דאָזיקע ערד. איך לעב אָבער די גאנצע צײַט אין שרעק פאר נעקאָמע. דעריבער צעשייד איך זיך ניט מיטן אווטאָמאט.

אזעלכע, ווי איך, לעבן די גאנצע צײַט אומרויִק, אָנגעשטרענגט. אז מע שלאָפט אומרויִק, פילט מען זיך א גאנצן טאָג קראנק. אָט אזוי גייט עס טאָג נאָך טאָג, כוידעש נאָך כוידעש, און קיין סאָף פון אזא לעבן הינטער שטעכלדראָט, אונטער דער וואך פון סאָלדאטן זעט זיך ניט...

די דערציילונג פונעם ייִשוווניק האָט דער זשורנאליסט ניט געוואגט פארעפנטלעכן. דאָס וואָלט ארויסגערופן דעם צאָרן פון די מאכט־אָרגאנען און פון די ציִעניסטישע עקסטרעמיסטן ניט אזוי קעגן אים, ווי קעגן דעם ייִשוווניק, וואָס איז בעשײַטע פארשיקערט געוואָרן פונעם שאָוויניסטישן טשאד פון דער אָפיציִעלער ייִסראָעל־פּראָפּאגאנדע און איצט האָט ער אָנגעהויבן קומען צום סייכל.

אייניקע קאָלעגן פונעם זשורנאליסט, וועלכע שרײַבן אין די מײַרעוו־צײַטונגען און זײַנען אקרעדיטירט אין יערושאָלאַיִם, האָבן אים מיטגעפילט און צוגעזאָגט צו העלפן אָפּדרוקן די קאָרעספּאָנדענץ, ניט אָנרופנדיק דעם אווטאָר און דעם נאָמען פונעם ייִשעוו. אָבער אין די אזויגערופענע אומאָפּ־העגגיקע בורזשואזע זשורנאלן און צײַטונגען האָט זיך פאר דער קאָרעס־פּאָנדענץ ניט געפונען קיין אָרט. מיר האָבן זיך דערוווּסט דערפון צופעליק, פון מיטארבעטער פון איינער פון אָט די רעדאקציעס. ער האָט אויך געבעטן, איך זאָל ניט אָנרופן קיין נעמען. אָבער ניט דער נאָמען איז דאָך דער איקער. אין ייִסראָעל איז דער באשריבענער פאקט איינער צווישן פיל אנדערע, און דעם עמעס וועגן דעם דארפן אלע וויסן.

וו. וולאדימיראָוו
(פּרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“)

א בריוו צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס

ה׳ קורט וואַלדהיים

אין עסטרייך, ווי אויך אין אַנדערע לענדער פון דער מײַרעוו־וועלט, געפינען זיך הײַנט אַ סאַך געוועזענע סאָוועטישע בירגער, צווישן זיי — קליינע קינדער, זקיינים און קראַנקע.

מיר וועלן זיך איצט ניט אָפּשטעלן געננוי אויף די סיבעס, פאַרוואָס מיר האָבן עמיגרירט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל מע קאָן דאָס אויסדריקן מיט אַן אַלגעמיינער פראַזע: מערסטנס באַהערשט פון אונדזער קליינבירגערלעכער פּסיכאָלאָגיע, האָבן מיר עמיגרירט קיין ייִסראָעל.

געטראָפן זיך מיט דער ייִסראָעל־ווירקלעכקײַט, ווי, לעמאָשל, מיט פאַראַכטונג פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט צו אַלץ, וואָס קומט אַרויס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן מיר פאַרשטאַנען אָט דעם מאָדנעם און צוזאַמען דערמיט שרעקלעכן פּאַראַדאָקס.

מוישע ראַביינו האָט אויסגעלייזט די ייִדן פון דער קנעכטשאַפט בײַ דעם פּאַרע פון מיצראַיִם. די ציִעניסטן האָבן אויף אַ שווינדלערישן אויפן אַרויסגענאַרט אונדז פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קעדיי פאַרוואַנדלען אין געהאָרכזאַמע קנעכט. אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, באַשטעטיקן געננוג פאַקטן — סײַ סאָציִאַלע, סײַ פּסיכאָלאָגישע.

ייִצכאָק ראַבין, ווען ער איז צוגעטראָטן אויסצופילן די היסכײַוועסן אַלס הויפּט פון דער רעגירונג, האָט ציטירט אין זײַן רעדע אַ פּאַסעק פון „מעשה מרגלים“.[1] „אין לאַנד האָט געווילדעוועט אַ מוירעדיקע סינע צווישן מענטשן, גזיילע, גנייווע, זנוס, קאָרופּציע, און דאָס האָט געבראַכט צום כורבן פונעם ערשטן בייס־האַמיקדעש“.

מע דאַרף קלערן, אַז ער האָט דאָס ציטירט ניט פאַר די שוין פון לאַנג פאַרשטאָרבענע אָוועס, נאָר פאַר די ייִדן, וועלכע לעבן איצט אין ייִסראָעל און אויך אין אַנדערע לענדער. דער גאַנצער אומגליק באַשטייט אָבער דערין, וואָס די רעגירער פון ייִסראָעל, וועלכע ווילן זיך ניט שטעלן אין אַ קאָנפראָנטאַציע מיט די פירערכצן אין דער מעדינע, מיט וועלכע זיי זײַנען

---

[1] מײַסע־מעראַגלים. אַ לעגענדע אין דער ביבל וועגן אויסשפּירער.

אָרגאַניש פאַרבונדן, האָבן, אין טאָך, געשאַפן אין לאַנד אַזאַ היסטאָרישע אַנאַלאָגיע.

נאַטירלעך, אַז דאָס האָט אונדז געעפנט די אויגן. מיר האָבן אויך, פאַרשטייט זיך, אָנגעהויבן פאַרגלײַכן אונדזער לאַגע אַלס מענטשן (מיר באַטאָנען עס נאָכאַמאָל, אַלס מענטשן) אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד מיט אונדזער לאַגע אין ייִסראָעל. קורץ, דעם פּראָטעסט האָבן מיר אויסגעדריקט מיט אַנטלויפן פון אָט דעם לאַנד, וואָס איז אונדז פרעמד, איבערלאָזנדיק פאַר זיך די מאָראַלישע רעכט צו זאָגן די רעגירער פון ייִסראָעל:

„מיר באַשולדיקן די אייניקלעך
פון די זינדיקע אָוועס,
די שולדיקע אין כורבן בייס־האַמיקדעש.
אין אײַער נײַעם בייס־האַמיקדעש האָבן
זיך פאַרקליבן אויסוווּרפן, —
אונדזער שאַנד און אונדזער וווּנד".

הערן ציִיניסטן! די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער פאָדערן, מע זאָל זיי ניט פאַרגעסן, די געשיכטע איז ניט מויכל קיין פעלערן, מע דאַרף זיי לעשעם דעם לעבן פאַריכטן! דאָס ליגט אויפן געוויסן פון די ייִסראָעל־רעגירער און פון די אָנפירער פון דער ייִדישער אַגענץ.

אויפן סמך פונעם איבערגעזאָגטן האָבן מיר דאָס מאָראַלישע רעכט צו דערקלערן פאַר דער גאַנצער וועלט: מיר זאָגן זיך אָפּ צו רופן זיך ייִסראָעל־בירגער. האַגאַם די רעגירונג פון דער מעדינע האָט קינסטלעך אונדז אָנגעבונדן ייִסראָעלדיקע בירגערשאַפט און איצט טראַכט זי אויס פאַרשיידענע ווידערשפּרעכלעכע אַרגומענטן וועגן אונדזער אַנטלויפן.

אַלזאָ, מיר, די געטראָפענע פון אַ שווערן גורל, געפינען זיך איצט אין עסטרײַך. מיר שטעלן די פראַגע: פאַרוואָס זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ קלאָגעדיקער לאַגע? פאַרוואָס דאַרפן מיר דולדן סאָציאַלע, גײַסטיקע ליידן, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס מיר געפינען זיך אין דער לאַגע פון מענטשן אָן אַ היים? פאַרוואָס מעגן יענע, וועלכע שרײַען ביז הייזעריק צו ווערן, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד איז קלוימערשט שולדיק אין „ברעכן די רעכט פונעם מענטשן", פאַרוואָס מעגן זיי אָנשיקן גײַסטיקע, סאָציאַלע און מאָראַלישע ליידן אויף אונדז, די עמיגרירטע אין זייער וועלט (האַלעווײַ

וואָלט זי פאַרשאָלטן געוואָרן, איידער מיר האָבן זי דערקענט)? פאַרוואָס נעמט מען באַ אונדז אָפּ דאָס רעכט צו באַקומען בירגערשאַפט אין יענעם לאַנד, וועמעס פאָרשטייער טרעטן גאַנץ אַקטיוו אַרויס פאַר פרײַער עמי־גראַציע (אין דער ערשטער ריי האָט עס אַ שײַכעס צום פעדעראַלן קאַנצ־לער פון עסטרײַך הער קרײַסקי)?

מע דאַרף צוגעבן, אַז מיר זײַנען סאָציאַל ניט גלײַכבארעכטיקט מיטן עסטרײַכישן בירגער, און אין רעזולטאַט באַקומען מיר פאַר אונדזער אַרבעט (אויב עמעצן גיט זיך אײַן צו אײַנאָרדענען זיך) אַ סאַך ווייניקער איידער ער, שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז אונדז עקספּלואַטירט מען אָן שום קאָנ־טראָל מיצאַד פאַרשיידענע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דערצו נאָך איזדע־קעוועט זיך מיט פּאַטאָלאָגישן האַס די קאַפּיטאַליסטן, וועלכע ווייסן וועגן אונדזער פאַרלאַנג צו אומקערן זיך אַהיים אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווײַל דאָרט, און בלויז דאָרט, קאָן נעמען אַ סאָף צו אונדזערע ליידן.

די וווינונגס־ און שטייגער־באַדינגונגען, אין וועלכע מיר געפינען זיך, — דאָס איז אַ לעבן אין כורוועס, שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס פאַר דער וווינונג רײַסן באַ אונדז די קאַפּיטאַליסטן אַ דריטכיילעק פונעם אַרבעטסלוין, און דאָס קומט אויך פאָר אָן שום קאָנטראָל מיצאַד די עסט־רײַכישע מאַכט־אָרגאַנען. אין אָן אויסערסט שווערער לאַגע געפינען זיך די זקיינים און קראַנקע, די פּענסיאָנערן, וואָס זײַנען פריִער געווען באַ־זאָרגטע מענטשן און שטאָלצע בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, האָבן איצט ביכלאַל פאַרלאָרן די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן אָדער כאָטש באַקומען אַ מינימאַלע שטיצע. אַ סאַך פון זיי זײַנען דערגאַנגען צו דעם, אַז זיי מוזן אויסשטרעקן די האַנט און בעטן אַ נעדאָווע...

אינטעלעקטואַלן, געוועזענע בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, קאָנען ניט געפינען קיין אַרבעט לויט זייער פאַך, זיי פילן שטענדיק צו זיך אַ טענדענציעזע באַציִונג, זייערע סאָוועטישע דיפּלאָמען ווערן ניט אָנער־קענט, דעריבער מוזן זיי אַרבעטן אַלס טרעגער, בייגן דעם רוקן אונטער דער שווערער לאַסט, און זיי הערן קעסיידער: „שנעלן שנעלן״. אין דער עסטרײַכישער קאָנסטיטוציע ווערט געזאָגט, אַז זיי קאָנען באַקומען ביר־גער־רעכט ערשט אין 10 יאָר אַרום, און דאָס איז אויך אונטער אַ גרויסן ספק.

וואָס שײַעך אונדזערע גײַסטיקע ליידן, באַזונדערס די ליידן פון אונד־זערע קינדער, וועלן מיר, ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין כקירעס מיקויעך

דער קולטור־אסימיליאַציע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, און באַזירנ־דיק זיך אויסשליסלעך אויף פאַקטן, זאָגן, אַז אין די יאָרן נאָך דער רעוואָליר־ציע זײַנען אינעם סאָוועטנפאַרבאַנד געשאַפן געוואָרן פיל ייִדישע שולן, ייִדישע טעאַטערן אדגל. אין דער זעלבער צײַט האָט אָן שום טענדענ־ציִעזקײַט מיצאַד די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען זיך אָנגעהויבן אַ קאָנטי־קער פּראָצעס פון קולטור־אַסימיליאַציע.

נאַטירלעך, אַז מיר און אונדזערע קינדער ווילן פאַרהיטן אין זיך דעם גײַסטיקן אינהאַלט, וועלכן קיינער האָט קיין רעכט ניט אָפּצונעמען בײַ אונדז. צום גרויסן באַדויערן, האָבן מיר דאָ קיין מעגלעכקײַט ניט צו לערנען אונדזערע קינדער אין דער היימישער פאַר אונדז רוסישער שפּראַך. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט דערלויבט דערציילן אײַך אַן עפּיזאָד פון אונד־זער לעבן. אַ געזינד פון געוועזענע בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אָפּגעגעבן אַ 9־יאָריק קינד אין איינער פון די ווינער שולן. מיט טרערן אין די אויגן איז דאָס קינד געקומען צו לויפן אַהיים און געזאָגט צו די על־טערן: „מאַמעניו, טאַטעניו! איך וויל ניט לערנען אין אָט דער שול. איך וויל לערנען דאָרט, פונוואַנען מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן, לערנען צוזאַמען מיט מײַן כאַווערטע דאַשענקע און מיט איגאָריאָקן"... די עלטערן האָבן זיך אויך צעוויינט, שעפּטשענדיק דערבײַ: „ניטאָ קיין בעסער לאַנד, איידער רוסלאַנד, ניטאָ קיין בעסערע פרײַנט, איידער אין רוסלאַנד!"

די ציִעניסטן האָבן געפּרוווט און פּרוּוון אויך איצט אײַנפלאַנצן אין אונדז עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערווילן פון אונדזער זײַט.

אין דער מײַרעוו־וועלט, וועלכע רעדט אַ סאַך וועגן פּאָליטישער פרײַ־הײַט, דינט אָט די פּאָליטישע פרײַהײַט אין טאָך בלויז די עגאָיִסטישע אינטערעסן פון די פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען, דעם קאַמף פאַר דער מאַכט, וואָס אין לעצטן סאַכאַקל ברענגט עס ניט צו קיינע קאַרדינאַלע ענ־דערונגען. פון דער צווייטער זײַט, איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון „פּאָליטישע פרײַהײַטן" אין די באַדינגונגען פון דער מײַרעוו־וועלט איז מען אויך אויסן די אידעאָלאָגישע דיווערסיע קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. אונדזערע ליידן — דאָס איז, מעגלעך, זייער פּאָליטישער און אידעאָלאָגישער „זיג", וואָס איבער אים זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אין דער פּאַסטקע פון דער מײַרעוו־פּראָפּאַגאַנדע, אָבער אונדזערע ליידן און דער פאַרלאַנג צו אומקערן זיך אַהיים אין סאָוועטנפאַרבאַנד איז פאַר

דער מײַרעוו־פּראָפּאַגאַנדע אַ „זיג״, װעלכער איז מער געגליכן צו אַ מאַפּאָלע.

די געשיכטע פֿון דער עמיגראַציע בכלל אַנטהאַלט אין זיך אַ געװיסע געזעצמעסיקײַט, כאָטש ס׳איז קלאָר, אַז די עמיגראַציע אין די פֿריִערדיקע צײַטן האָט געהאַט איר כאַראַקטער־שטריכן, און דער װיכטיקסטער פֿון זײ איז — סאָציִאַלע, װי אױך פּאָליטישע מאָטיװן. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, לאָמיר זיך דערמאָנען דאָס צאַרישע רוסלאַנד, פֿונװאַנען אַ גרױסע צאָל פּאָרגעשריטענע מענטשן איז געװען געצװוּנגען צו עמיגרירן אין אַנדערע לענדער, לױפֿנדיק פֿון דער צאַרישער רעאַקציע. די געשיכטע פֿון יענער צײַט װײסט אָבער ניט פֿון אַ פֿאַל, אַז די מײַרעוו־לענדער זאָלן אַרױסטרעטן אַזױ אַקטיװ און אין אײן פֿראָנט קעגן דעם צאַרישן װילקיר בענעגײַע דער אַלץ װאַקסנדיקער צאָל פּאָליטישע עמיגראַנטן. איצט אָבער פֿאַרטײדיקן זײ אַן עמיגראַציע פֿון גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. אונדז האָט אין דער מערהײַט פֿאַלן געשטױסן צו עמיגרירן, װי עס איז שױן געזאָגט געװאָרן אין אָנהײב פֿון אָט דעם בריװ, די קלײנבירגערלעכע פּסיכאָלאָגיע, דער רעזולטאַט איז, װי איר זעט, אַ גאַנץ בױלעטער.

די קאָמוניסטישע פּאַרטײ פֿונעם סאָװעטנפֿאַרבאַנד האָט, אין העסקעם מיט דער לעניִנישער לערע װעגן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, פֿאַנאַנדערגעאַרבעט פּאָליטישע קאָנצעפּציעס פֿון אַ פּראָגרעסיװער ריכטונג. הײַנט איז דאָס סאָװעטישע פּאָלק אַן אײנהײַטלעכע סאָציִאַליסטישע נאַציִע מיט אַ הױך־אַנטװיקלטן זיטלעכן און בירגערלעכן זעלבסטבאַװוּסטזײַן. די סאָװעטישע אינטעליגענץ האָט געפֿונען איר אָרט אין דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפֿט, שױן אָפּגערעדט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, װאָס װײסט ניט פֿון די סאָציִאַלע פּראָבלעמען, װעלכע ברענגען אַצינד אַזעלכע צאָרעס אונדז.

די פּאָליטישע אַװאַנטיוריסטן באַלײדיקן דאָס סאָװעטישע פּאָלק, װאָס האָט אױף די באַריקאַדעס און אין די שלאַכטן דעראָבערט װירדע און פֿרײַהײַט פֿאַר יעדן מענטשן. דאָס װידערשפּרעכט באַזונדערס דער לאָגיק אין שײַן פֿון דעם פֿאַקט, װאָס מיר, די געװעזענע בירגער פֿונעם סאָװעטנפֿאַרבאַנד, זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין דער אַזױגערופֿענער פֿרײַער װעלט און האָבן פֿאַרלאָרן אונדזערע מענטשלעכע רעכט. באַזיניקנדיק אָט דעם שרעקלעכן פֿאַקט, האָבן די עמיגראַנטן ניט קײן אַנדער ברירע, װי באַגײן זעלבסטמאָרד—זײ הענגען זיך, װאַרפֿן זיך אין דונײַ מיט האַרצרײַסנדיקע געשרײען: „זײַ אונדז מױכל, הײמלאַנד!״, איבערלאָזנדיק אױף הפֿקר אומ־

שולדיקע קינדער (צום גליק, קערט זיי די סאָוועטן־רעגירונג אום אהיים, אָבער אין זייער זיקאָרן פארבלײַבט אפן גאנצן לעבן דער גרויל און דאָס ראכמאָנעס צו די עלטערן, וועלכע זײַנען שולדיק אין זייערע קינדערשע לײדן).

ווער זשע זײַנען יענע, וואָס פארלאנגען אזעלכע טראגעדיעס און זעצן פאָר צו ברענגען אלץ נײַע און נײַע קאָרבאָנעס צווישן די פארבלאָנדזשעטע מענטשן, און ווער זײַנען דאָס יענע, וועלכע העלפן זיי דערין? מיר ווייסן, ווער זיי זײַנען און ווענדן זיך צו זיי מיט געזעצלעכן צאָרן: „טרײַבט ניט קיין שפאס מיט דער געשיכטע. די לײדן וועלן סאָפּקאָלסאָף ארויסטראָגן א הארבן אורטייל די פײַניקערן!" אונדזערע מאטערנישן — דאָס איז דער באשולדיקונגס־אקט קעגן די פּאָליטישע אוואנטיוריסטן.

אין אָט דעם בריוו כאזערן מיר פיל מאָל איבער די ווערטער „אונדזערע לײדן". ווי איר זעט, פארטראָגט דאָס פּאפיר אזעלכע ווערטער, און פאר אונדז גופע איז דאָס אן אויסגעשריי פון דער געפּײַניקטער נעשאָמע. מיר ווילן, אז דאָס דאָזיקע געשריי זאָלן דערהערן די שולדיקע פון אונדזערע לײדן, די פּאָליטישע ספּעקוליאנטן מיט „פרײַער עמיגראציע". מיר האָבן פארשטאנען, אז דער מענטש, ווערנדיק צוגעווינט צו גוטס, פארלירט אָפּט די פייִקײַט צו שפּירן עס ניט בלויז מאטעריִעל, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיש. מיט דעם באנוצן זיך פּאָליטישע שווינדלער, וועלכע פארנארן אין זייערע נעצן אזעלכע, ווי מיר. איצט בעטן מיר באם סאָוועטישן פאָלק, עס זאָל אונדז מויכל זײַן און מאכן א סאָף צו אונדזערע לײדן.

א גרויסע צאָל מעלדונגען פון עמיגראנטן ליגן אין די סאָוועטישע געזאנדשאפטן אין פארשיידענע לענדער. מע בעט א דערלויבעניש זיך אומקערן אין סאָוועטנפארבאנד. בלויז אין ווין האָבן מער פון 700 געוועזענע בירגער פונעם סאָוועטנפארבאנד אָנגעגעבן אזעלכע מעלדונגען. דאָס זײַנען טויזנטער הענט פון קינדער, זקיינים און קראנקע, אויסגעשטרעקטע צו זייער היימלאנד, מיט דער ביטע אויסצולייזן זיי פון שקלאפערײַ באם קאפּיטאל. און אויב פאר אונדז וועלן ווירקלעך קומען די מאָשיִעך־צײַטן, וועט עס זײַן אויסשליסלעך דאָס אומקערן זיך אין אונדזער סאָוועטישער היים.

אָט פארוואָס ווי אונדזערער א הימן פון טשוווע און האָפענונג קלינגען די פון עמעצן פארפאסטע ווערטער:

יוירעד, זאָג אָפּן, באהאלט ניט אויס,
ווהין עס ציט דיך צוריק, צוריק.
באהאלט ניט דײַן ווידע און זאָג בעקויל ראָם:
ס'ציט מיך אהין, ווו די זין פונעם לאנד
לעבן צווישן זיך ווי ברידער,
דאָס סאָוועטישע היימלאנד איז זיי א מאמע!
אָ, מײַן היימלאנד, אָ, מײַן היימלאנד,
אָ, מײַן סאָוועטיש היימלאנד!

אין העסקעם מיט די אויבן געבראכטע פאקטן בעטן מיר אײַך, הער גענעראַל־סעקרעטאר, איר זאָלט שיקן קיין עסטרײַך אן אנטשפּרעכיקע קאָמיסיע פאר די רעכט פונעם מענטשן, זי זאָל פעסטשטעלן אונדזער טראַגישע לאגע, קעדיי מאכן א סאָף צו די קאָלערליי ספּעקוליאציעס אין דער פראגע וועגן די רעכט פונעם מענטשן. דאָס איז אײַער כויוו פארן געוויסן פון דער אָרגאניזאציע פון די פאראייניקטע נאציעס.

דעם בריוו האָבן אונטערגעשריבן העכער 300 געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל און פון דאָרט עמיגרירט אין ווין. מיר דרוקן דעם בריוו מיט אייניקע קירצונגען.

■ ■ ■

דער וועג אין אָפּגרונט
(די פּרעסע וועגן דער אליע)

מ. „סאָוועטסקי פּיסאַטעל", 1980, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאַקטור —
ס. טשערניאַק, יע. קאַפּלאַן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאַן

ДОРОГА В ПРОПАСТЬ
(свидетельствует пресса)

М., «Советский писатель», 1980, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 26.III.1980. Подписано к печати 16.V.1980.
Формат 70×108¹/₃₂. Бумага типографская № 1.
Печ. л. 2. (Условн. печ. л. 2,74). Бум. л. 1. Заказ 2124.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No. 6, 1980

© Журнал «Советиш геймланд», 1980.